בס"ד

פרשת **יתרו**
כ' שבט תשפ"ו

| הדלקת נרות | מוצ"ש גאונים | מוצ"ש ר"ת |
|---|---|---|
| 4:43 | 5:53 | 6:14 |


# שבת בשבתו
סטעמפארד היל לאנדאן

Tel: 020 39 815 815




# גלה כבוד מישראל

יהדות לאנדאן בפרט
און שלומי אמוני ישראל בכלל
באוויינען הסתלקות פון האי גדול
וצדיק משיירי כנסת הגדולה
לוחם מלחמות ה' בעוז ובגבורה

## מרן ראש ישיבה הרמה
### הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער זצוק"ל

"שבת בשבתו" האט געהאט די
זעלטענע זכיה אריינצוגיין בקודש
פנימה און הערן א הונדערט-און-פיר
יאריגע הרבצת התורה ויראה, און עומד
על משמר היהדות אן קיין הפסק //
**באהבתה ישגה תמיד**



ח"ב

## תיקון שובבי"ם
לעבעדיג אין ירושלים עיה"ק

צווייטע חלק פונעם שמועס
מיט הרה"צ רבי אברהם
פריש שליט"א איבער זיין
טאטן הגה"צ רבי דניאל פריש
זצ"ל בעמ"ח מתוק מדבש,
באגלייט מיט א לעבעדיגע
שילדערונג פון א תיקון
שובבי"ם אין ירושלים עיה"ק
לך אל העם וקדשתם




אדמיניסטראטארן און פאנדרעיזארס איינגעשפאנט:

## פרישע מיליאנען פאר אלע צדקות אין לאנדאן

א שמועס מיט הר"ר **לייבל ניעדערמאן** הי"ו פון "הייוו"
איבער די **ערשטמאליגע נעוויגעישאן קאנפערענץ**
**פאר אדמיניסטראטארן און פאנדרעיזערס**

gilyoines.com

# שבת בשבתו



Unit 4 2a Northfield Road,
London N16 5RN
Tel: 020 39 815 815
Fax: 020 3670 3882
Email: shabboslondon@gmail.com



© כל הזכיות שמורות


**אפיס שעות:**
**זונטאג ביז מיטוואך:** פון 1 ביז 4 נאכמיטאג,
**דאנערשטאג:** פון 12 מיטאג ביז 11 ביינאכט
אין אנדערע שעות ביטע לאזט א מעסעדזש
און מיר וועלן אייך צוריקרופען
**מודעות דעדליין:**
**גרייטע מודעות:** 8:00 דאנערשטאג נאכט.
מודעות וואס דארפן נאך **א נוסח אדער דעזיין:**
**4:00 דאנערשטאג נאכמיטאג**
עס איז ראטזאם צו רעזערווירן ווי פריער
אייך צו קענען צושטעלן די בעסטע סערוויס

**אונזער גליון איז דא צו באקומען יעדע וואך ביי די פאלגענדע אדדרעסן:**

- Tannug - St Kildas Road
- Watermint Grocery
- Makolet–High St
- Outside 52 Darenth
- Outside 41 Leadale Road
- 86 Cazenove Road סאטמאר
- 42 Craven Walk סאטמאר
- 67 Heathland Road סאטמאר
- 47 East Bank סקווירא
- 87 Egerton Road באבוב
- 11 Elm Park Avenue חברה ש"ס
- 121 Clapton Common ויזניץ לונדון
- 26 Lampard Grove פשעווארסק
- 45 Moundfield Road ביאלא
- Vartery area ביהמ"ד קנה בושם
- 45 Heathland Road פינטער'ס
- ביהמ"ד אבני קודש 34 Theydon Road
- 33 Paget Road רוזין
- Getters Dunsmure Road
- Kol Tov–Dunsmure Road
- Breuer & Spitser
- Egg Stores
- Kosher Mart – Craven Park Rd
- Carmel–111 Craven Park Road
- Carmel–143 Clapton Common
- Hype–Hillwood
- Indigs Bakery
- Kosher Spot
- Kleins mini market
- 89 Stamford Hill וויזניץ
- Stamford Lodge
- Warwick Court
- Yetev Lev Court
- Carlton Mansions
- Symour Ct
- Fairview Grocery
- Berrys Holmwood
- Hatzlacha Grocery

**מקואות און געשעפט אייגנטומער:** פאר סיי וועלכע הערות אדער אינפארמאציע בנוגע דעליווערי'ס און דיסטריביושען ביטע רופט: 07894907879


נומער 524# // פר' יתרו תשפ"ו לפ"ק


# אינהאלט


3 רעדאקטאר'ס טישל
4 למעשה גערעדט
6 על הפרק
8 מללו מילא
12 לעטר פתורא
14 פארזעצונג
38 הילולא דצדיקיא
44 ותימרון חידושא
46 ותימרון חידושא
46 חמרא טבא
48 מחשבות
52 ווער גערעדט
65 מתיקא כדובשא
73 ואלין מליא
74 למען תספר











**קלארשטעלונג:** שבת בשבתו אויסגאבע איז געאייגענט אהיימצונעמען לכבוד שבת פאר די משפחה צו הנאה האבן און נישט צו טראגן אין די בתי מדרשים און זיכער נישט צו ליינען בשעת'ן דאווענען.



# וכל אשר לרעך //
# כאפ דעם גאנצן פעקל

דער ארעמער ר' שמערל האט געמאכט דעם לאנגן וועג צו זיין רבי'ן דער הייליגער 'ישמח ישראל'. דאס לעבן גייט אים נישט ווי עס דארף צו זיין; פרנסה איז נישטא, אין רעזולטאט האט ער ווי פארשטענדליך עלטערע טעכטער, און אזוי פארט ווייטער דער באן אויפן וועג אראפ, און ער פילט ווי ער מוז באקומען א גוטע ברכה פונעם רבי'ן אויף זיין מצב.

אנקומענדיג קיין אלכסנדר איז ער תיכף צוגעגאנגען צום רבי'נ'ס הויז, און האט געוואלט אריינגיין בקודש פנימה אויסצוגיסן זיין הארץ און באקומען א ברכה. פאר אים איז געווען א שטיקל ליניע, ווען אין פארנט פון אים שטייט ר' אביגדור דער עושר. נאך עטליכע מינוטן איז געקומען די רייע אויף ר' אביגדור, ער גייט אריין און שמערל האפט אז ביז געציילטע מינוט איז ר' אביגדור אינדרויסן און ער וועט קענען אריינגיין. ווי אנטוישט איז ער אבער געווארן ווען עס גייט אריבער נאך אפאר מינוט און נאך אפאר, און ר' אביגדור פארזוימט זיך דארטן.

ענדליך, נאך א האלבע שעהווארטן, איז ר' אביגדור ארויסגעקומען מיט זיין שטאלצע גביר'ישע געשטעל. גלייך איז שמערל אריין צום רבי'ן און אויסגעגאסן זיין שווער הארץ מיט אלע זיינע שוועריגקייטן. דער רבי האט אים אויסגעהערט מיט קענטיגע מיטגעפיל, און דערנאך אים ווארעם אנגעווינטשן און אים געזעגנט.

די גאנצע מעשה האט גענומען צוויי מינוט אויפן זייגער. שמערל האט דאס נישט געקענט אויסהאלטן און זיך אנגערופן צום רבי'ן פארביטערט, "איך האב געמיינט רבי אז דא איז יא א מקום האמת... פארוואס פאר אביגדור דער עושר האט דער רבי אוועקגעגעבן גאנצע 30 מינוט, אין צייט וואס מיט מיר איז דער רבי געזעצן א קארגע צוויי מינוט?! איז דאס יושר? נישט גענוג איך האב נישט קיין געלט דארף איך נאך אזוינס דורכגיין? אלעס איז דען געלט?!"

דער הייליגער ישמח ישראל האט אים ליבליך געענטפערט: "נישט ח"ו ווייל איך בין אים מער מכבד ווי דיר בין איך מיט אים געזעצן לענגער, די סיבה איז גאר עפעס אנדערש. ווען א איד ווי דיר קומט אריין, ווייס איך תיכף וואס דיינע פראבלעמען זענען, עס איז גאנץ פשוט צו וויסן און וואס איך ווייס נישט פארציילסטו מיר גלייך. משא"כ ביים עושר, אים פאסט דאך נישט צו זאגן אז עפעס גייט נישט גוט ביי אים, ער דארף דאך זיין דער 'פערפעקט' מענטש, ממילא שטעלט ער אן א פנים ווי אלעס קלאפט ביי אים הונדערט פראצענט. אבער די מציאות איז, אז יעדער מענטש האט זיין פעקל, יעדער האט זיינע ענינים וואו עס גייט אים נישט געני ווי ער וואלט געוואלט. דעריבער, ווען אן עושר קומט צו מיר אריין, דארף איך ארבעטן זייער שווער אז ער זאל זיך צו מיר עפענען און פארציילן זיינע מיטמאכענישן, און עס נעמט א היבשע צייט ביז איך ווייס זיינע שוועריגקייטן און איך קען אים אנווינטשן. דאס איז די סיבה פארוואס איך בין געזעצן מיט אים אזוי לאנג."

***

עס איז באוואוסט וואס דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט אמאל געזאגט, אז ווען משיח וועט קומען וועט ער צאמנעמען אלע אידן אין א גרויסן זאל, און הייסן יעדער איינער זאל ארויפלייגן זיין 'פעקל' דארטן. יעדער וועט מיט שמחה אראפווארפן זיין פעקל צרות און מיטמאכענישן. דערנאך ווען דער זאל וועט זיין פיל מיט אלע פעקלעך פון יעדן מענטש, וועט משיח זאגן אז יעדער איינער קען אריינגיין און זיך אויסוועלן וועלכן פעקל ער וויל. דער עולם וועט אריינשטורעמען אינעם זאל, א קוק טאן וועלכן פעקל עס געפעלט זיי דאס מערסטע, און צום סוף... וועט יעדער צוריקנעמען זיין אייגענעם פעקל.

די נקודה איז, אז יעדער מענטש מאכט מיט עפעס אויף דער וועלט, דער אויבערשטער זאל העלפן יעדער אידיש קינד זאל דאס האבן אויפן גרינגסטן וועג, אבער אייביג קוקט אויס ווי יענעמ'ס גראז איז גרינער. עס איז דער סדר פון מענטשן אנצוכאפן איין נקודה וואס גייט פאר יענעם גוט, און פון דעם ארויסלערנען אז זיין לעבן פארט אים ווי א פידל. אבער עס גייט נישט אזוי, אז דו ווילסט מקנא זיין יענעם, מוזסטו נעמען זיין גאנצן פעקל, קענסט נישט אויסוועלן נאר די גוטע חלקים דערפון.

***

די וואך איז 'שבת קבלת התורה', מען ליינט אין די תורה דער מעמד קבלת התורה מיט די עשרת הדברות. די לעצטע דיבור איז "לא תחמוד", מען טאר נישט גלוסטן. די תורה רעכנט אויס א רייע זאכן וואס מען טאר נישט גלוסטן; אשת רעך, עבדו, אמתו, שורו וכו', דערנאך ענדיגט די פסוק צו "וכל אשר לרעך". לכאורה וואס וויל די תורה צולייגן מיטן וכל אשר לרעך?

נאר מיט די אויבנדערמאנטע איז דאס זייער פשוט, די תורה וויל אונז געבן אן עצה וויאזוי מען זאל טאקע נישט צוקומען צו גלוסטן, זאגט אונז די הייליגע תורה: דו קענסט נישט גלוסטן נאר איינע פון זיינע זאכן, עס גייט נישט אזוי, עס קומט מיט א גאנצן פעקעדזש, "וכל אשר לרעך" – אויב ווילסטו גלוסטן, דאן נעם כל אשר לרעך און דאן וועט מען רעדן, ווייל פאר יעדן איז באשערט זיין פעקל, און יעדער דארף ארבעטן אויף זיך צו זען נאר דאס גוטס אין וואס דער באשעפער האט אים געגעבן.

***

אונז שטייען יעצט אין א צייט ווען עס איז קול ברמ"ה נשמע, א קול בכי קומט ארויס פונעם היכל ישיבת הרמה, און דער קול גייט מסוף העולם ועד סופו, עס איז שטוינענד צו זען וויאזוי דאס גאנצע יהדות החרדית בכל מקום שהם איז אויפגעטרייסלט געווארן מיטן פטירה פונעם ר"י הרמה, **הגאון האדיר ר' אליקים שלעזינגער זצוק"ל.** אויב איז אינעם גאנצן וועלט די בשורה שווער אויפגענומען געווארן, איז דאך אוודאי בעירנו לאנדאן, וועלכע האט זוכה געווען צו זיין די אכסניא של תורה פאר צענדליגער יארן.

אין ליכט פון די פטירה ברענגען מיר אייך גאר א רייכע ארטיקל, מיט א שמועס וועלכע מיר האבן אפגעהאלטן עטליכע יאר צוריק מיטן ראש ישיבה זצוק"ל, וואס איז געווען א היסטארישע זאך, נאך וואס דער ר"י האט אין זיין גאנצן לעבן נישט געשאנקען קיין שמועס פאר קיין שום אויסגאבע! מיר פילן פאר א זכי' אז דער ר"י האט געטראפן אינעם 'שבת בשבתו' א ריינע אויסגעהאלטענע מקום וואו צו לאזן הערן דבר תורתו.

**זאלט איר אלע האבן א ליכטיגן שבת קבלת התורה**

**דער רעדאקטאר**

## אויך אין אוישוויץ:

# ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש!

געווען איז דאס אין א תקופה וואס חושך יכסה ארץ, כלל ישראל איז געפרואווט געווארן מיט גאר שווערע און ביטערע נסיונות, מ'האט זיי געפייניגט און גע'הרג'עט פון אלע זייטן, הי"ד.

רבי מענדל האט זיך געפינען אין אוישוויץ. דארט האט ער געארבעט עבודת פרך פון צופרי ביז ביינאכט, מיט א קליין שטיקל ברויט וואס אפילו קיין "ואכלת" האט מען נישט געקענט מקיים זיין דערויף, ווער רעדט נאך "ושבעת".

איינע פון די שווערע זמנים אין דעם גרויסן גיהנם, איז געווען דער "אפעל". אפעל האט געמיינט צוויי שעה פון 5 ביז 7 צופרי וואס מ'האט געדארפט שטיין אויף די פיס אויך אין די ביטערע פראסטיגע ווינטערס, און די רשעים געציילט און איבערגעקוקט צי מ'איז נאך ראוי צו נאך א טאג לעבן.

מענטשן וואס האבן נישט מצליח געווען ביי דעם אפעל צו אויפווייזן אז זיי האבן אין זיך כח צו ארבעטן נאך א טאג איז געווען אחת דתם ה"י.

אזוי איז מען געשטאנען מיט אן עינוי הגוף און נאך מער עינוי הנפש, ווי בהמות און רמשים עלי שדה און נאך ערגער. ווען יעדע רגע קען פליען א קויל וואס זאל שיקן דעם באטראפענעם גלייך צום גן עדן.

אין איינע פון די טעג וואס רבי מענדל שטייט אזוי מיט נאך אחים לצרה אין די שווערע שעות פון דעם אפעל וואס מ'האט זיך נישט געטרויט צו רירן, זעט ער – נישט מער און נישט ווייניגער – אויף די ערד נעבן אים א שטיקל פארמעט וואס האט אויף זיך אידישע אותיות.

אין אוישוויץ א פארמעט וואס עס שטייט אויף דעם אל"ף בי"ת?! דאס איז געווען א געשעעניש!

ער שטרענגט זיך אן צו קוקן וואס שטייט דארט, און זיינע שוואכע אויגן כאפן אויף ווערטער אש שחורה על גבי אש לבנה: וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ.

ער קוקט נאכאמאל צו זען אויב ער חלומ'ט נישט, און ער זעט, יא דאס איז עס.

ער זאגט שטיל פאר זיין חבר וואס איז געשטאנען נאנט צו אים "קוק! ווי דער באשעפער ווינקט אונז דא, אין דעם גרויסן חושך."

ר' מענדל האט זיך נישט געטרויט אראפצובייגן אויפצוהייבן דעם שטיקל שמות (עס איז געווען א שאלה פון פיקוח נפש), דער שטיקל פארמעט וואס האט געטראפט באלזאם אויל פון חיזוק אין די שווערסטע צייטן. אבער ער האט עס מיטגענומען אין הארץ.

די הייליגע ווערטער האבן אים מחזק געווען אין די שווערסטע צייטן, ער האט גוט דערהערט דעם אמת לאמיתו וואס ליגט אונטער אזא השגחה עליונה, ווי דער באשעפער רעדט צו אים: מיין טייער קינד! דו ביסט טאקע יעצט בשפל המצב, נורא ואיום, אבער אין יעדן מצב וואס איז נאר דא אין דער וועלט זענען ענק "ממלכת כהנים וגוי קדוש"! און דו וועסט זען עס וועט נאך קומען גוטע טעג וואס מ'וועט עס זען מיט א קלארקייט.

רבי מענדל האט זוכה געווען איבערצולעבן די מלחמה און אויפשטעלן א דור נאמן לה' ולתורתו פון די שענסטע און די בעסטע, און זיין גאנץ לעבן האט ער געהאלטן און איין חזרן און זינגען די ווערטער וואס זענען געקומען צו אים ווי א בת קול מן השמים: וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ! [די מעשה האבן מיר געהערט פון הרה"צ רבי נפתלי האראוויץ שליט"א מראחוב, וואס די מעשה איז געווען מיט זיין גרויסן פאטער, להבחל"ח דער ראחוב'ער רב פון ב"ב זצ"ל].

***

דער בעל שם הקדוש זאגט אז אלע כרוזים און בת קול'ס וואס חז"ל זאגן אז עס גייט ארויס יעדן טאג, קומט אן צו יעדער איד באשר הוא שם.

א צדיק הערט די קלארקייט פון דעם בת קול, און א פשוט'ער מענטש הערט עפעס א שאטן פון א שאטן, אבער צו יעדעם קומט עפעס אן, א בליץ.

עס זענען דא אסאך זאכן וואס ווערן אנגערופן לילה, חושך, עניות, גלות, אא"וו.

יעדע נפש [אבער יעדע!] האט זיינע תקופות און זמנים פון חושך, אמאל מינוטן פון חושך, אמאל שעות און אמאל חדשים און יארן.

אבער אין דעם חושך איז אייביג דא דער דבר ה' וואס באגלייט א איד. ווען פרעה האט געשריגן "אמר אויב ארדוף אשיג אחלק", איז דא אויך באהאלטן דער אלופו של עולם (די פינף מאל אלף איז מרמז אויף השי"ת, עיין בעש"ט עה"ת בשלח).

מ'דארף עס אבער אויפכאפן און דערהערן, נישט זיין א מאבד מה שנותנים לו.

די מעשה פון רבי מענדל וואלט זיך זייער לייכט געקענט ענדיגן גאנץ אנדערש: אין דעם גרויסן פחד און צובראכנקייט און פארלוירנקייט, וואלט קיינער בכלל נישט באמערקט א שטיקל פארמעט אויף דער ערד, ווער קען בכלל זען יעצט עפעס, ווען דער לעבן הענגט אויף א האר (אדער נאך ערגער, עס וואלט געקענט ח"ו ברענגען פארביטערטקייט, אויך מיר א ממלכת כהנים... ה"י).

ער האט געהאט א גרויסע זכיה אז אין דעם גרעסטן חושך וואס איז נאר געווען, האט ער זוכה געווען 'אויפצוכאפן' דעם גלעט פון הימל.

הנותן שלג כצמר. איז דא א טייטש: דער באשעפער געבט נאר שלג לויט וויפיל קליידער מ'האט זיך צו דערווארעמען. אין יעדע גיהנם של שלג, קומט מיט א אור וואס מ'דארף נאר עפענען די אויגן: **אתם ראיתם כי מן השמים דיברתי עמכם.** ש

**נאך א מורא'דיגע מעשה פון דעם ראחוב'ער רב זצ"ל ביי די מלחמה לייענט קומענדיגע וואך אי"ה**

בס״ד

כי הם חיינו ואורך ימינו

# הדר באילנו משנה לשנה,

## ווי א יאר עס גייט פארביי שיינט ארויס זיין ליכטיגקייט בתורה ובעבודת הבורא מיט א פילפאכיגע שלימות!




תושבי עירנו ווערן
## גלייכע שותפים
און די געוואלדיגע הייליגע פעולות

| | |
|---|---|
| זכות שותף לסדר £180 | זכות שותף ליום £360 |
| זכות שותף לשבוע £600 | זכות שותף לחודש £1000 |
| זכות שותף לחצי שנה £1800 | זכות שותף שנה £3600 |

## ביום א׳
פר׳ תרומה

THE VENUE
91-93 Stamford Hill

אכשר דרא

מ׳ברענגט ארויס די שענסטע פירות פון יעדע בחור...

gilyoines.com

# נגדע ארז בלבנון

די געפילן שטעלן זיך אפ, ס'איז זיך שווער צו צוזאמנעמען ווען ליידער האט כלל ישראל פארלוירן א טייערע קרוין וואס האט באשיינט אונזער דור, א בחינה פון נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון אליקי"ם, ווען מרן **הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער זצוק"ל** ראש ישיבה הרמה איז נתבקש געווארן לישיבה של מעלה לדאבון לב כל בית ישראל.

גרויס איז די אבידה פאר אונז אלע. יונג און אלט ווערן שפירן דעם חסרון ווען דער ממלל רברבן און לוחם מלחמות ה', דער ארי שבבבל איז שוין ליידער נישט צווישן אונז. ס'האט זיך געשאפן א חלל וואס וועט נישט מעגליך זיין צו ערפילן. רבי אליקים איננו ואנו אנה אנו באים.

הגה"צ רבי זאב הלוי פעלדמאן שליט"א חבר הבד"ץ האט דערמאנט ביי זיינע דברי הספד לפני מטתו, אז דער גרויסער נפטר איז געווען די לעצטע בריק וואס האט אונז פארבינדן צו א דור וואס איז געווען א חפץ חיים, צו א דביקות צום חזון איש און צום בריסקער רב זכר צדיקים לברכה. א בריק וואס האט געפירט צו א דור דעה איידער מאטריאליזם האט איבערגענומען די וועלט.

בלויז צו כאפן א בליק אויף די צורה פון אזא גאון וקדוש, איז געווען א זכיה. אויגן וואס האבן נאך געזען א דור דעה. א איד וואס איז נאך אלס קינד געווען אויפן שויס פונעם הייליגן חפץ חיים און ער האט אים געבענטשט. א איד וואס מיט נאנט צו זיבעציג יאר צוריק האט זיך דער בריסקער רב סומך געווען אויף אים, און געשיקט פערזענליכע שליחות'ן צום הייליגן חזון איש, ביי וועלכען ער איז געווען א שליח להולכה און שליח לקבלה.

אט דאס האבן מיר שוין נישט ליידער. לאנדאן לאנדאן חגרי שק והתפלשי באפרים צו באוויינען די גרויסע אבידה וואס אונז האבן געהאט. אבל יחיד עשי לך עירנו לאנדאן וואס האט זוכה געווען צו זיין די אכסניה של תורה פאר אזא גרויסן אור, א אדם גדול בענקים וואס האט געוואוינט צווישן אונז און געשיינט מאורו הבהיר.

## כח התורה

ווען מ'טראכט דעם מקום תורה פון די היכל ישיבה הרמה מיט אירע כוללים, געבט אונז דאס א בליק אריין איבער'ן עמוד התורה וואס דער גאון האט פארקערפערט אין זיך. די ישיבה שטייט טאקע אין א ווינקל פון שטאט, א בחינה פון תורה מונחת בקרן זוית, אבער איז א לייכט טורעם וואס פארשפרייט תורה און יראה פאר די גאנצע בני העיר.

יעדע ענין פון אידישקייט, יעדע חומרא, דעם בריסקער שמעק, אלעס קומט פון יענעם תורה'דיגן ווינקל ארויס. פונקט ווי א פאקל וואס שטייט אויף זיין פלאץ און באלייכט דעם גאנצן ארום, שטייט אט דער מקום תורה וואס דער ראש ישיבה זצ"ל האט אוועקגעשטעלט און ווארפט שטינענדע שטראלן פאר מיילן וויט.

נישט לייכט איז געווען פארן ראש ישיבה זצ"ל אויפצושטעלן אזא תורה'דיגע אימפעריע. אבער הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, און אצינד איז דאס דער מקום תורה פאר יעדן ערנסטן כולל יונגערמאן און למדן וואס ווייסט אז דאס לערנען אין 'שלעזינגער'ס' איז א רעצעפט צו שטייגן...

## לוחם מלחמות ה'

ווען ס'איז געקומען צו יעדע דבר שבקדושה, יעדע אידישקייט זאך, פלעגט דער ראש ישיבה זיין דער שר צבא ה' ההולך לפני מחנה ישראל ארויסצוקומען פאר כבוד שמים בכל עת ועונה.

סיי אימער ווען ס'האט זיך געמאכט גזירות על הדת, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חוץ לארץ, איז דער ראש ישיבה געווען דער וואס איז ארויסגעקומען בראש מחנה ישראל און אויסגעשריגן דעם 'אתם קרבים היום למלחמה' אויסצורופן מלחמת חרמה על משמר היהדות החרדית.

## מצילן של מאות בתי חיים ברחבי אייראפע

מיט די יארן האט זיך געמאכט אז עס זענען אנגעקומען גריסן אז די גוים אין אייראפע רייסן אויס אידישע בתי חיים רח"ל און טשעפענען מיט קברי ישראל.

דער ראש ישיבה ז"ל האט אויפגעשטעלט דעם וועד להצלת בתי עלמין באייראפע אונטער זיין נשיאות, און טראץ זיין הויכע יארגאנג, האט ער נישט געשפארט קיין כח, נאר איז געפארן שתדלן'ן ביי די רעגירונג אינסטאנצן אין פוילן, טשעכסלאוואקיע, אונגארן, ראמעניע, גאליציע, שפאניע, איטאליע און אין אלע אנדערע לענדער וואו אידישע בתי חיים זענען ליידער פארשווערכט געווארן.

## ועתה חסרנו כל אלה

ליידער בעוונותינו הרבים האט די דור נישט זוכה געווען צו האבן אזא איד צווישן אונז, און איז נתבקש געווארן לישיבה של מעלה. עס איז פאר אונז געבליבן זיך מתבונן זיין אין זיינע וועגן און גיין ווייטער אין די הייליגע דרכים נישט אפצונייגן פונעם דאך התורה והיראה קיין זיז כל שהיא.

המקום ינחם אותנו, דאס יהדות החרדית איבער די גאנצע וועלט בכלל און אין לאנדאן בפרט דארפן גרויסע ישועות. בפרט איבער די גזירות על הדת אויף וועלכע דער ראש ישיבה האט אזויפיל מרעיש עולמות געווען. ניין, ס'איז נישט מעגליך צו ערפילן דעם חלל האדיר. אבער עפעס, עפעס דארפן מיר טון. עפעס מער טון פאר תורה, פאר כבוד שמים. עפעס מבטל זיין פונעם 'זיך' אז ס'זאל שין זיין יתגדל ויתקדש שמיה רבא.

***יהא זכרו ברוך.*** ■

בס״ד

ולידע איך שמך נקרא עלי

פון אן אור ישראל בחור זאגט זיך אליין:

# איך האב ליב א דבר שבקדושה! און איך בין מוֹאֵס אין די פארקערטע!

דער חידוש: חסידות צוזאמען מיט תורה



תושבי עירנו ווערן
גלייכע שותפים
און די געוואלדיגע
הייליגע פעולות

| | |
|---|---|
| זכות שותף לסדר | זכות שותף ליום |
| £180 | £360 |
| זכות שותף לשבוע | זכות שותף לחודש |
| £600 | £1000 |
| זכות שותף לחצי שנה | זכות שותף שנה |
| £1800 | £3600 |

ביום א'
פר' תרומה

THE VENUE
91-93 Stamford Hill

מ'ברענגט ארויס די שענסטע פירות פון יעדע בחור...

gilyoines.com



# ולא יהיה בכם נגף

א ביטערער און דערשלאגענער האט זיך ר' פייוול יענעם טאג ארומגעדרייט אין די וועלדער נעבן די שטאט וואו ער האט געוואוינט. דער דיקער וואלקן פון זארג האט זיך שטארק דערקענט אויף זיין געזיכט און יעדער וואס איז אים פארבייגעגאנגען האט עס געקענט באמערקן.

ווען דער ארבעט אויפזעער, דער צדיק ר' יצחק, האט אים דערזען, האט ער אים נישט געלאזט ווייטער גיין.

„וואס גייט פאר מיט דיר?". האט דער צדיק ר' יצחק געוואלט וויסן.

„דו קענסט מיר סיי ווי נישט העלפן". האט ר' פייוול געענטפערט א פארלוירענער און ממשיך געווען צו זארגן.

„ווער זאגט דיר אז איך קען דיר נישט העלפן? לאמיר הערן וואס האט דיר פאסירט און נאכדעם וועסטו מיר קענען זאגן צי איך קען דיר יא העלפן צי נישט".

ענדליך האט ר' פייוול באוויליגט אנצונעמען די ווערטער פון זיין ידיד. וויסענדיג אז זיי קומען ארויס פון די טיפסטע טיפענישן פון הארץ פון דער גוטהארציגער צדיק ר' יצחק, האט ער מסכים געווען מיטצוטיילן מיט ר' יצחק זיין קלעם.

אונטער א געדעכטער בוים האבן זיך די צוויי ידידים אוועקגעזעצט און אנגעהויבן איבערשמועסן די לעצטערע געשעענישן.

ר' פייוול איז געווען א וואוילער איד. אין וויסטן חלום האט ער נישט גע'חלומ'ט אז זיין ארבעט אויפזעער וועט נאך איין טאג באקאנט ווערן אין די אידישע וועלט אלץ דער צדיק הרה"ק ר' יצחק פון ווארקא, באקאנט אלץ ר' איציקל ווארקער.

אין זיינע יונגע יארן האט דער צדיק ר' יצחק געצויגן זיין חיונה פון דינען אלץ אן אויפזעער אין די וועלדער. דארטן האט ער געהאנדלט מיט די האלץ מסחר ווען די איבריגע צייט נוצט ער אויס צו דינען השי"ת בסתר.

„איך האב שוין חתונה געהאט עטליכע יאר און איך האב שוין געהאט עטליכע קינדער, אבער יעדער מאל ווען עס קומט צו גיין א נאכט פאר'ן ברית, געשעט אן אומגליק, דער זיסער לעכטיגער קינד וואס איך האב פריש געבוירן, הויכט אויס איר נשמה און לאזט מיר איבער פאטערלאז".

„אלע סגולות אין די וועלט האב איך שוין פרובירט, אבער יעדער מאל ווען א פרישער קינד ווערט געבוירן חזר'ט זיך איבער דאס זעלבע און יעצט האב איך פון פריש געהאט א קינד, איך גרייט זיך מארגן צו מאכן די ברית און יעצט שטייענדיג ווייניגער ווי פיר און צוואנציג שעה צו די ברית, גייט מיין הארץ אויס פון זארג וואס וועט געשען מיט דאס קינד, צי וועט אים נישט באטרעפן דער זעלבער אומגליק וואס עס האט געטראפן די פריערדיגע קינדער".

# שבת בשבתו

## יברך את בית אהר"ן

בהדרת הכבוד ואותות יקר והערכה, נביע בשיר ושבחה, ברכת
מזל טוב מקרב לבבינו, לידידינו הצמיד בקירות לבבינו, בכשרנותיו
הברוכים מעטר גליונינו מדי שבת בשבתו, הוגה באורייתא, במעלות
ומדות, ידיו רב לו במילי דחסידות, דולה ומשקה בפנינים יקרים, ה"ה

# הר"ר אהרן שלמה זלמן שטערן שליט"א

**מחשובי חברי המערכת**

לרגל השמחה במעונו שורה, ברון שבח ושירה,

**הולדת בנו נ"י**

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחה

אהרשת שפותא, נפתח בהדרתא, שבח דא שירתא, בעידן חדוותא, לרום האי מעלתא
הלל וזמרה, להגיד שבחו של אהר"ן בהדרה, שלמ"ה הוא ושלמה משנתו הוגה בתורה
רב כשרנותיו הברוכים בעט סופר בהיר, מאמרים יקרים בנתיבות אור, גליונינו מעטר
ןעים הליכות ברוך הכשרון, בהכשר ויתרון, במיטב הגיון, מעלה פנינים יקר הערכין
שפתותינו מרחש, בעת משוש, שיזכה לרב נחת ושובע שמחות לגדלו ולחנכו בקודש
להכניסו בבריתו של אברהם אבינו בעתו וזמנו הגדול, בשמחה רבה ושפע רב ממעל
מתוך הרחבת הדעת בטוב ונעימים, פרח מטה אהר"ן בשלמ"ה מיטב אמרינו נאמנים
הרבצת באהלה של תורה, ליהודים היתה אורה, שמחה וששון בשמחה הרחבה הדרה
זמירות יאמרו בתעצומות ועוז, בגילה ורנה בשמחתו לעלוז, יוסף ה' שמחה בחדוה ומעוז
להמשיך במאמרים טבין ופתגמין לזכות את הכלל, ולהגי' בטוב טעם ודעת נכונים והשכל
מזלא טבא וגדיא יאה וכל טוב ממעונים, יושפע מלעילא שפע ברכה והצלחה בכל ענינים
ןיב שפתינו יערב בכל פה ולשון, באותות הוקרה והערצה נרנן בשבחין, במילין יקירין

**המברכים בלב ונפש חפיצה**

## משה יצחק עקשטיין

**בשם כל חברי המערכת**

gilyoines.com

דער צדיק ר' יצחק האט זיך צוגעהערט מיט א קענטליכער וויטאג צו די ווערטער וואס זענען ארויס פון ר' פייוול'ס מויל. די שווערע נייעס האט צובערענגט אז דער צדיק זאל ווערן פאר'דביקות'ט און פראבירן ברוח קדשו צו דערגיין וואס באהאלט זיך דערונטער פון די מאדנע ערשיינונג.

עטליכע מינוט זענען דיביידע געזעסן פארזינקען אין זייערע געדאנקען ווען דער צדיק דרייט זיך אויס צו ר' פייוול און לייגט פאר אים א פראגע.

"זאג נאר, ר' פייוול, איז מעגליך אז ערגעצוואו אין לויף פון דיין לעבן האסטו זיך אמאל ארומגעשפילט מיט א רינגל און מקדש געווען איינעם. עס איז וויכטיג, דערמאן זיך".

ר' פייוול האט זיך פארזינקען אין זיינע געדאנקען. שנעלערהייט איז ער צוריקגעקראכן צו זיינע יוגענד יארן ווען ער האט נישט צופיל אבאכט געגעבן וואס עס גייט ארויס פון זיין מויל און אט איז עפעס ארויפגעשווימען אין זיין זכרון.

יא, ער געדענקט. ער איז נאך דעמאלטס געווען א יונג קינד. מיט א רינגל אין די הענט האט ער ארומשפאצירט צווישן די וועלדער און די פעלדער, ביז ווען ער האט אנגעטראפן שטיין פאר זיינע אויגן א ליידיגער צווייג.

ווען ער כאפט זיך נישט וואס ער טוט נעמט ער דאס רינגל אין די הענט און דערנענטערט זיך צו דער צווייג און מיט א ספאנטאנישקייט האט ער אויסגעשריגן 'הרי את מקודשת לי'.

יעצט איז געקומען די רייע פון דעם צדיק צו אנטפלעקן פאר פייוול וואס עס האט זיך באמת אפגעשפילט אין יענע מינוטן ווען די ווערטער זענען ארויס פון זיין מויל.

"וויסן זאלסטו אז אויף יענער צווייג האט דעמאלטס גערוט א שטארקער קליפה און אין די רגע וואס דו האסט ארויסגעזאגט די ווערטער פון דיין מויל האסטו זיך צוגעבינדן צו די קליפה. פון דעמאלטס און ווייטער לויפט דיר די קליפה נאך און די קליפה איז אויך דער וואס איז גורם אז דיינע קינדער זאלן שטארבן א נאכט פאר די ברית".

דער צדיק האט זיך פארקלערט און זיך גלייך אנגערופן אז ער האט פאר אים א וועג ארויס. זיין עצה איז געווען צו שרייבן א גט פאר די קליפה.

"אבער, רבי, וואו טרעף איך די קליפה".

דער צדיק האט דערפאר אויך געהאט אן ענטפער. ער האט אים געהייסן זיך גרייטן אויף א לאנגער און שווערע נאכט, ווען ער וועט אים באגלייטן און זארגן אז ער זאל קענען לויז ווערן פון די קליפה.

"דארפסט אראפגיין צו דער טייך פון שטאט און איבערנעמען פון מיר דער גט. איידער דו ווארפסט אריין דער גט אין טייך זאלסטו זאגן די ווערטער: הרי את מגורשת ממנו בזה! און גלייך אריינוואַרפן דער שטר אין וואסער אריין".

"וויסן זאלסטו אבער, אז די קליפה איז זייער א שטארקער קליפה. זי וועט נוצן אלע אירע כוחות דיר אפצושרעקן. דו וועסט מיינען אז דאס ארגסטע וועט קומען אויף דיר, אבער האב נישט קיין מורא, געדענק דיינע קינדער און פיר עס אויס, גענוי ווי איך האב דיר באפוילן".

ר' פייוול איז געווארן דערשראקן פון די ווערטער וואס ער האט נארוואס געהערט. א פחד איז אים באפאלן. דער צדיק האט אים בארואיגט אז ער וועט שטיין פון ארונטער, אביסל אפגערוקט פון אים און אים באגלייטן ער זאל קענען אויספירן די פעולה בשלימות.

זייענדיג פארזיכערט אז דער צדיק באגלייט אים אויף טריט און שריט האט זיך ר' פייוול גרייט געמאכט צו די באשטימטע שעה. דער צדיק האט טאקע געהאלטןווארט. ביי דער אפגעשמועסטער ארט האבן זיי זיך באגעגנט, דער צדיק האט אים איבערגעגעבן די גט און געשטופט אנצוהייבן ארויסצוגיין אין זיין וועג.

מיט די גט אין די האנט, האט ער אנגעהויבן אראפצושפאצירן צו דער דערנעבנדיגער טייך. ווי נאר ער האט אנגעהויבן זיין וועג, האט אים א שרעק באפאלן. פאר זיינע אויגן האט זיך אנגעהויבן אויס'משל'ען שרעקדיגע סצענעס, ווילדע חיות, הויכע ביימער און יעדער סארט מין געשטעל אויף די וועלט.

פאר א רגע האט ר' פייוול געטראכט צו בלייבן שטיין און זיך צוריק אויסדרייען און פארלאזן דאס ארט.

"איך וועל עס נישט קענען דורכמאכן". איז ר' פייוול געווען זיכער, אבער פונקט אין יענער מינוט האט ער געהערט די שטימע פון דעם הייליגן צדיק ר' יצחק.

"פייוול שטארק זיך. האב נישט קיין מורא פון קיין איינעם און גיי ווייטער אין דיין וועג".

די שטארקע און מוטיגע ווערטער האבן אריינגעבלאזן כח און חיות אין ר' פייוול. אנגעגארטעלט מיט דרייסט

ישיבת
מתיקות
התורה
לאודאן יצ"ו

מיטב הברכות ואיחולים, מקרב לבבינו מהללים, קול צהלה ורנה נביע וממללים
זמרה ושירים לעלוז, קדם האי גברא יקירא בתעצומות ועוז, עמוד הצדקות לדל מעוז
לעמוד לימין כל דבר שבקדושה ברוב תבונה להקים עולה של תורה ויט שכמו לסבול
טיבותא לשקי' מלא טבוון וקשוט, אוזן קשבת מיטיב בכל כוחו ואונו למען הכלל והפרט
ולהגיד אדם ישרו, חיבה יתירה נודעת לו, להאיר ניצוצי אורה וטללי חיזוק לישיבתנו
בסימן טוב ומזל טוב, אות לטובה יבא ויקרב, רחים ומוקיר רבנן ואיהו גופי' צורב

הרה"ח
מוה"ד **אברהם בר חורין** שליט"א
## הוא הגבר שמקדיש כוחו וזמנו
## לעמוד לימין ישיבתנו הק' להיטיב
## תמידים כסדרם בלב ונפש נאמנה

# לרגל שמחת אירוסי בתו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

אמירה נעימה באותות יקר ותפארת, לברך בזה ברכה לבבית, מביני עמודי דישיבת
בעת משוש גילת ורננים, איש חי ורב פעלים, חסד לאברהם בפארי מעשיו הדגולים
רב חילו לאורייתא בתמידית, לרומם עמודי ישיבתנו עושה ומעשה בלב ונפש מסידות
המקים עולה של תורה ברעותא דליבאי, להקים ולבסס מקום תורה מתיקות התורה לע'
משליך נפשו מנגד אורות מבהיק, נושא על לוח לבבו אלפי פעולות חסדים טובים בצדק
ביתו של אברהם ורוחב בינתו, יורד בעומק כל ענין ומיטיב לזולתו, מה רב חלקו וחבלו
רב תודות נביע ונעלה לאות, בברכת אברהם בהדרה ועטרת, זכות שתהא למשמרת
חדוה ושמחה ותענוג דקדושה, יזכה לראות ולרוות מכל יוצ"ח במדה מרובה וגדושה
והזיווג יעלה יפה יפה על אדני היסודות, בית נאמן בישראל ובנין עדי עד לתפארת
רבות בשנים להמשיך על משמרתו, חפץ ה' בידו יצליחו בכל דרכו, עוז וחדוה באהלו
יאירו הרחבת הדעת והצלחה בשעת הכושר, ויפתח שערי יושר, בני חיי ומזוני בעושר
ותיבות מתיקות התורה, שמעמיד בקרן אורה, יעמדו לו ולב"ב בשפע מרובה וברכה

הכ"ד המברכים בלב ונפש חפיצה
**דוד כהן - מנכ"ל**
בשם
**הנהלת הישיבה מגידי שיעורים**
**רבנן ותלמידיהון**

gilyoines.com

האט ער זיך אנגעהויבן דערנענטערן אין זיין וועג. א טריט נאך א טריט האט ער געשפאנט ביז ווען ער האט געזען פאר זיינע אויגן די וואסער.

ר' פייוול איז שטיין געבליבן פאר א רגע. מיט דער גט אין די הענט האט ער הויך אויסגעשריגן צו די קליפה: הרי את מגורשת ממנו בזה! און געגעבן א ווארף אריין דער צעטל אין טייך.

אין יענער רגע זענען פארשוואונדן געווארן די אלע שרעקדיגע סצענעס. ר' פייוול האט זיך געשפירט ווי געהעריג און זיך צוריקגעקערט ארויסצוציין אינדרויסן פון וואלד.

אינדרויסן האט ער געטראפן שטיין דער צדיק ביים טויער.

"מער דארפסטו נישט זארגן! וועסט זען אז פון היינט און ווייטער וועט אלעס זיין גוט. גיי אהיים אין שטוב און גיי גרייט זיך אן צו דער ברית, ווייל מארגן וועסטו צום ערשטן מאל אפרעכטן א ברית פאר דיין זון".

מיט שנעלע טריט האט זיך ר' פייוול צוריקגעקערט צו זיין שטוב. דאסמאל איז ער געווען רואיג, גלייבנדיג אין די ווערטער פון דעם צדיק. נאך א גאנצער נאכט פון שרעק צאפעלניש האט ער זיך אויפגעוועקט צומארגענס טרעפנדיג אז אין קינדער בעטל ליגט א געזונט און פריש קינד.

דער ברית איז געפראוועט געווארן מיט גרויס פאראד. מיט סנדקאות האט ר' פייוול מכבד געווען דער צדיק הרה"ק ר' יצחק מוואורקא און דאס קינד האט שפעטער מאריך ימים געווען אסאך יארן לעבנדיג בשלום ובשלוה. ■

[אוצרות חן]

## לעטר פתורא

### א ירא שמים מאכט גדרים וסייגים זיך צו דערווייטערן פון אן עבירה

**וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק.**

דער הייליגער רבי ר' זושא האט אמאל געזאגט, אז דער סימן פון א איד צי ער האט יראת שמים צי נישט איז אויב מאכט ער זיך גדרים וסייגים ער זאל נישט געשטרויכלט ווערן אין אן עבירה, ווייל ער האט אזוי שטארק מורא פון די עבירה, אז ער ציטערט צו קומען נאנט צו איר.

די בחינה איז מרומז אין פסוק, **וירא העם וינועו** – א סימן אז א איד האט אין זיך אמת'ע יראת שמים, איז **ויעמדו מרחוק** – אז ער מאכט זיך גדרים וסייגים צו שטיין ווייט אוועק פון די עבירה.

**[תורת הרמ"ז]**

### אין די נידריגסטע ערטער איז אויך דא באהאלטן הייליגע ניצוצות

**ומשה ניגש אל הערפל.**

די עבודה פון א איד אויף די וועלט איז מעלה צו זיין די פארווארפענע ניצוצות, ווייל אין יעדער זאך באהאלט זיך הייליגע און געהויבענע נשמות פון די קדושה.

נישט יעדער האט די כוחות מעלה צו זיין די ניצוצות גלייך, אבער א צדיק מיט זיין גרויסע קדושה, האט די כוחות אראפצוגיין צו די נידריגסטע ערטער און פון דארט ארויסשלעפן די געהיימע כוחות.

עס איז ידוע אז יעדער צדיק ווערט אנגערופן 'משה'. אט די בחינה איז מרומז אין דער פסוק, **ומשה ניגש אל הערפל** – דער צדיק, וואס איז בבחינת משה, איז צוגעגאנגען צו די ערפל [כידוע איז דא דריי סארטן טונקלקייטן חשך ענן וערפל, און ערפל איז די שטערקסטע], און האט פון דארט ארויסגעשלעפט די ניצוצות, **אשר שם האלקים** – ווייל אויך אין די ערפל געפינט זיך דער כח פון השי"ת.

**[אור הצדיקים]**

# כוס תנחומין

מדרש תנחומא נמסרים, באלו הדברים, מקרב הלבבות שלוחות אל רום האי גברא רבה ויקירא, מעמידנו בקרן אורה, במלחמת התורה חצי גבור שנונים, להשקות בדמעה את הזרעונים, נודע בשערים, מלהיב הלבבות בדרשותיו הנעימים, ויט אלינו חסד עם גבורה, עינו פקיחא לסקרה, רב טובו אלינו לא נעצרה, להגדיל תורה ולהאדירה, דולה ומשקה מבאר מים חיים, סיני ועוקר הרים, מסור בכל נימי נפשו ולבו למען הרמת קרן התורה בישיבתנו הק'

הגאון הגדול

## רבי ישעי' שלעזינגער שליט"א

רב דקהל שערי תפלה וחבר הנהלה רוחני דישיבתנו הק'

היושב בעמק הבכא מתוך צער יגון ואנחה, גלה כבוד וניטל זיו יקרים, בפטירת אביו גאון אדיר אשר כל ימיו קידש מנעורים, מנחיל מורשת רבותיו אשר האירו לארץ ולדרים, מופלא במעשיו המזהירים, קיבץ וריבץ פעלים לתורה והשריש אהבת תורה ויראה לתלמידים נאמנים, העמיד דורות ישרים ומבורכים גדולי ומאורי תורה נודעים בשערים, איזן וחיקר ותיקן גדר בגדר ועמד בפרץ בפעולתיו האדירים, בקי בכל מכמני תורה, שייף עייל שייף נפיק ולא החזיק טיבותא לנפשי'

## הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער זצוקללה"ה

ראש ישיבה הרמה פה לונדון יצ"ו

תנחומינו הכנים שלוחות המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, ולא ישמע שום צער ויגון ואנחה בגבולכם, ויזכה להמשיך בדרכיו הגדולים בהרבצת התורה והיראה, בגן עדן תהא מנוחתו, והלך לפניו צדקותיו הרבים, עדי נזכה לביאת גואל צדק בב"א

המשתתף בצערכם החותמים בשברון לב

**הנהלת הישיבה     רמ"י הישיבה     רבנן ותלמידיהון**

ישיבת דרכי תורה
בנשיאות הגה"ר יוסף פרווא שליט"א

gilyoines.com



# א באגעגעניש אין ליווערפול

נפתלי בוקשפאן

**אין קורצן פון פריער:**

די שווערע באמיאונגען פון מאטל סאדוויסקי און זיין חבר הערשל האבן זיך אויסגעצאלט.

דורך א געוואגטע אקציע איז זיי געלונגען ארויסצושמוגלען דער יונגער מתתי' סאדוויסקי פון וויען קיין פראג.

אין פראג ווערט מתתי' אנגעשלאסן אין די קינדער טראנספארט וואס איז אראנדזשירט געווארן דורך דער ענגלישער מאנגאט ניקאלעס ווינטאן.

די לעצטע טעג, איידער די טראנספארט פארלאזט פראג קיין בריטאניע, טרעפט זיך מתתי' מיט זיין ברודער מאטל און זיי פארברענגען צוזאמען.

**און אצינד לייענט ווייטער:**

## פראג תרצ"ט

ניין טראנספארטן האט ווינטאן אראנדזשירט, אין יעדע פון די טראנספארטן זענען געווען א שיינע צאל קינדער, אבער נאר אכט פון די טראנספארטן זענען ענדע אנגעקומען קיין בריטאניע.

די ניינטע, וועלכע איז געווען די סאמע לעצטע טראנספארט איז געווען געסקעדזשועלט אויף סעפטעמבער, אבער זי מיט אירע 250 קינדער זענען געבליבן שטעקן אין פראג. זי האט נישט עספיעט צו פארלאזן דאס לאנד איידער די אויסברוך פון דעם ביטערן צווייטע וועלט מלחמה.

איינמאל די קריג האט אויסגעבראכן האבן די נאציס ימש"ו בלאקירט אלע טראנספארטן ארויס פון לאנד.

דער קליינער מתתי' איז געווען פון די מזל'דיגע קינדער, קומענדיג געגנוג פרי און נאך די שווערע השתדלות פון זיין ברודער און זיין חבר הערשל, איז זיי געלונגען ארויפצולייגן אויף דער סאמער ערשטער טראנספארט וואס איז ארויסגעפארן פון פראג קיין בריטאניע.

מיט טרערן אין די אויגן האט זיך דער זיבן יעריגער מתתי' געשיידט פון זיין ברודער מאטל.

מאטל האט אים געטרייסט און געמוטיגט אן אויפהער.

"עס איז נישט פאר לאנג, איך זאג דיר, איך ווייס וואס כ'רעד. בקרוב, ממש בקרוב, וועלן מיר זיך נאכאמאל פאראייניגן," האט אים מאטל הייס פארשפראכן.

דרוקנדיג צו זיך דעם קליינער מתתי', אים גאראנטירנדיג אז ער וועט טון אלעס אין די וועלט אז זיי זאלן זיך נאכאמאל זען, האט ער אים בארואיגט.

"שרייב בריוון צו טאטי און מאמי און דאוון פאר זיי," האט אים מאטל געזאגט, פארשפרעכנדיג אז ער וועט טון די זעלבע און אפשרייבן בריוון פאר אים און פאר די עלטערן און זיי באריכטן אז ער איז אויפן וועג.

"און געדענק צו בלייבן ערליך! בריטאניע איז א פרייער

hive
In collaboration with
compass

אדמיניסטראטארן פאנדרעיזערס ארגאניזאציע פירער

צום ערשטען מאל אין ענגלאנד

# Fundraising Personality Traits

וואס זענען די יסודות וואס מאכט א פאנדרעיזער סוקסעספול בעז"ה?

Guest Speaker



ר' בנימין האלפערן הי"ו

Author | Consultant | Speaker

EARLY-BIRD DEAL
£299
Reg Price £349

Will Present at:

כ"ב אדר תשפ"ו
11 MARCH 2026

פאר מער אינפארמאציע און צו רעזערווירן אייער זיץ
020 4584 2888
www.navigationseminar.com

CHARITIES
NAVIGATION
CONFERENCE
ENGLAND

PLATINUM SPONSOR
aht

SILVER SPONSORS
HomeScents OneGiv SchoolSet pilotmedia Zero Balance


gilyoines.com

לאנד, וועסט האבן נסיונות, אבער האלט זיך שטארק!"

שטייענדיג ביי די באן סטאנציע האבן זיי זיך געגעבן די לעצטע בליקן.

פון פראג איז מען געפארן מיט א באן צו די האלאנדישע פארט, אין האלאנד האבן די קינדער געוויילט אפאר טעג, ביז ווען זיי זענען ארויף אויף די שיף וואס וועט זיי פירן קיין בריטאניע.

עטליכע טעג האבן זיי גערייזט אויף די שיף, די וועג איז געווען געבינדן מיט שווערע סכנות, מערערע מאל האבן זיך די אלארם גלעקלעך צוקלונגען, א צייכן אז עס הויערט אויף זיי א סכנה, אבער ענדע האט עס געאנקערט אין בריטאניע זיכערערהייט.

א שווערע וועג האט דער קליינער מתתי' געהאט. זייענדיג אומגעוואוינט צו א שיף, צו די שווערע וועג און צו א רייזע אויף ברויזנדע כוואליעס, האט זיך זיין קערפער נישט געקענט צוגעוואוינען צו איר, די סימפאטמען האבן זיך שטארק דערקענט אויף אים.

עטליכע מאל האט ער געשפירט שווערע איבלעריי און ווייטאגן, אבער די פיזישע ווייטאג איז געווען קליין און מינדערוויכטיג קעגן די גייסטישע ווייטאג.

פון די ערשטע מינוט וואס ער האט זיך געשיידט מיט זיין ברודער מאטל האט ער זיך געשפירט אליין און איינזאם אויף די וועלט.

די געדאנקען זענען געווען נאגנד און בייסנד. פון צופרי ביז ביינאכט האט ער געטראכט פון זיינע עלטערן און פון זיין ברודער מאטל, וואונדערנדיג זיך אויב ער וועט זיי נאך אמאל זען.

די קינדערישע לוסטיגקייט פאר א רייזע און צוזען א נייער וועלט האט שנעל אויסגעוועפט. אנשטאט דעם האט ער זיך געטראפן ציטערן פון דער צוקונפט, פון וואס עס ווארט אים אפ אין בריטאניע.

ווייניג ידיעות איבער בריטאניע האט דער קליינער מתתי' פארמאגט. געדענקענדיג דאס לעבן אין אויסטרעלאנקא און שפעטער אין ווין, האט ער זיך פארגעשטעלט אז ענגלאנד ענדלט מער אין ווין ווי אין אויסטרעלאנקא, אבער קיין איינער איז נישט געווען דארט צו קענען באשטעטיגן און ענטפערן זיינע פראגן.

די לופט ביי די קינדער איז געווען אוממעטיג. אסאך פון זיי זענען געווען היבש עלטער ווי אים. איינער פון זיי, א חרדישער בחור, האט טאג טעגליך געלייגט תפילין, אבער די מערהייט זענען ליידער נישט געווען רעליגיעז.

מתתי' האט זיך צוגעשטארט צו דעם פרומער בחור'ל וועלכער האט זיך פארגעשטעלט אלץ לוי, און לוי האט אים מיטגעטיילט אז ער איז אויך א ווינער אפשטאמיגער, א מיטגליד פון די 'שיף שול'.

פון נאטור אויס איז מתתי' געווען א שעמעוודיגער. דער איבערגאנג פון פוילן קיין עסטרייך האט אים מער פארמאכט, אבער יעצט זייענדיג איינער אליין, נישט האבנדיג מיטוועמען צו טוישן א ווארט, האט ער געבראכן זיין בושה.

דער קליינער לוי איז אויך געווען איינער אליין אויף די שיף.

אסאך פון די ארומיגע זענען געווען ארומגענומען מיט געשוויסטער. נעבן אים אין צימער זענען געשלאפן צוויי ברידער, דער עלטערער 14 יאר און דער יונגערער 7 יאר, אבער ער איז געווען איינזאם אליין.

נאך א שטיק צייט פארן האט מען געהערט די הויכהילכער אויסרופן עפעס.

דער קאפיטאן האט גערעדט אין ענגליש און אויך אין האלאנדיש, א שפראך וואס דער קליינער מתתי' האט נישט פארשטאנען.

לוי, זיין פרישער חבר, האט איבערגעטייטש וואס די הויכהילכער האבן געמאלדן אויף די אידישע שפראך.

"דער קאפיטאן זאגט אז ער זעט שוין די ברעגעס און אז בקרוב קומט מען שוין אן צו די דעסטינאציע."

אביסל שפעטער איז דער שיף געקומען צו אן אפשטעל, פון זיין פענסטער האט מתתי' געקענט זען ווי מען פארשטייפט די דיקע שטריק צום בארטן און די שיף דערגרייכט איר דעסטינאציע.

דער באגלייטער, וועלכער האט באגלייט די קינדער, האט זיי געזאגט אז יעדער זאל מיטנעמען זיין האב און גוטס, ווייל מען גייט אראפ פון די שיף.

דער גרויסער טאוול וואס האט געהאנגען ביים פארט האט איינגעמאלדן די קינדער אז מען האט דערגרייכט צו די גרויסע בארטן פון לידס.

"א פארט שטאט אין ענגלאנד," האט אים לוי געגעבן צו פארשטיין.

מתתי' האט געוואורט אויף א ברייטערע ערקלערונג, קוקנדיג אויף לוי צו זען אויב ער קען אים ערקלערן וואס גייט יעצט געשען מיט אים.

"פון לידס פאר איך ווייטער. איך האב א חבר וואס

ישיבת תורת חסד

הזמנת כבוד

בעזהשי"ת

בכבוד רב הננו בזה להזמין את מעלת כבוד כל הקהל הקודש תושבי עירנו שיחי' למעמד האדיר

# זכות של דורות

# דינער השנתי

להחזקת קרוב ל150 בחורי ישבתינו הק'

## ביום ג' משפטים

## באולם פרדס וויזין

## 26 Lampard Grove.

בשעה 8:30 בערב

**בראשות הרבנים הגאונים עיני העדה שליט"א**

ובראשם כ"ק מהרש"ב קרויס שליט"א
נשיא ישבתינו הק'

**משא הערב**

הרה"ג ר' חיים יהודה לייביש באב"ד שליט"א
ראש ישיבתינו הק'

**נואם הכבוד**

הרה"ג ר' יעקב יושע ענגלאנדער שליט"א
ראש ישיבת לומדי תורה מאכנובקא בעלזא בארה"ק
מפארי יוצאי ישיבתינו הק'

המחכה לקבל פניכם בכבוד
**הנהלת הישיבה**

קנה זכות של דורות

gilyoines.com

לערנט דא אין די שניידער'ס ישיבה, ער האט מיר איינגעלאדנט אז איך זאל קומען מיט אים."

מתתי' האט געטראכט א רגע, ער האט מורא געהאט צו פארלירן דער לעצטער חבר וואס ער האט נאך געהאט מיט זיך.

"איך קען אויך קומען?"

די בעטנדע אויגן פון דער קליינער מתתי' האט צונומען לוי, אבער צו זיין ווייטאג האט ער אים נישט געקענט נאכגעבן זיין ביטע.

"דא מוז מען קומען מיט פאפירן, נאר אויב דו האסט דאקומענטן וואס ווייזן אויף אז איינער לאדנט דיר איין אהין קענסטו אהינגיין."

מיט א ברייטע און ווארעמע קבלת פנים האט מען זיי אנטפאנגען. ביי די גרעניץ זענען די קינדער געווארן אפגעווארט דורך א גרויסע דעלעגאציע פון אידישע וואלונטירן וועלכע האבן זיך געזארגט פאר זיי.

יעדער קינד איז באגריסט געווארן, א טייל פון די קינדער זענען געווארן אפגעווארט דורך זייערע נאנטע, אבער די מערהייט האט מען ארויפגעזעצט אויף הויכע צוויי שטאקיגע באסעס און אפגעפירט צו א גרויסע אידישע קאמפלעקס און זיי איינקווארטירט אין איר.

א ווארעמע נאכטמאל איז סערווירט געווארן פאר יעדן קינד, נאכן זיך דערקוויקן האבן זיך די קינדער געשטעלט אין רייעס.

פארנט פון א גרויסער טישל זענען די קינדער געזעצן, איינער פון די וואלונטירן האבן אויסגעפרעגט יעדער קינד באזונדער פון וואו ער קומט, ווער זענען זיינע עלטערן און אויך וויפיל געשוויסטער ער האט און וועלכע סארט ערציאונג ער האט באקומען ביז היינט.

די פראצעס האט געדויערט וויינציג צייט, נאך דעם האט מען צוגעוויזן פאר יעדן קינד א בעט, א געלעגער וואו ער קען זיך אראפלייגן ביינאכט, ביז דער מארגנדיגער טאג.

די קינדער זענען געווען ערשעפט און אויסגעמוטשעט, די פיזישע איבערלעבעניש באגלייט מיט די גייסטישע איבערלעבעניש האט ארויסגעשלעפט פון זיי די לעצטע רעשטלעך קראפט, אבער צווישן זיי זענען אויך געווען קינדער וואס האבן נישט געקענט כאפן די שלאף.

צען קינדער זענען זיי געווען אין א צימער, די צימער איז געווען גאנץ גרויס, מיט צוויי גרויסע פענסטער. די בעטן זענען נישט געווען קיין שטאקיגע בעטן נאר דינע מאטראצן, אבער עס איז געווען באקוועם, גענוג אז מען זאל זיך קענען אויסרוען אויף איר.

פון עטליכע ווינקלען האט זיך געהערט געוויינערייען, די בענקענדיגע קינדער האבן געטראפן אין די קושן א טרייסט, אן ארט וואו זייערע טרערן וועלן ווערן איינגעזאפט.

מתתי' האט נישט געוויינט, אבער ער האט נישט געקענט איינשלאפן. די צווייפלעניש, די ספיקות איבער וואס עס גייט פאסירן מיט אים, האט צוגערויבט זיין מנוחה.

אין די שפעטע פארטאגס שעה'ן האט ער געכאפט א שלאף. א זיסער חלום האט ער געהאט, אין איר האט ער געזען א משפחה פאראייניגונג, ווי די גאנצע פאראייניגטע משפחה קומט אן קיין לאנדאן און זיי פראווענען אינאיינעם א סעודת הודאה.

ביים שפיץ טיש זיצט דער טאטע ר' אשר און גלעט זיינע באקן, רעדנדיג איבער ווי שווער עס איז געווען די צייט וואס זיי האבן זיך נישט געזען און די זארג פאר אים.

די ווארעמע ווערטער האט אויך געהאט א זיסער אויספיר, דער טאטע האט געדאנקט דעם רבוש"ע אז נאך אזא לאנגער צייט אפשניט האט מען זיך געקענט פאראייניגן און יעצט זענען אלע דא צוריק, די גאנצע משפחה, אויך מאטל.

אבער דער זיסער חלום איז געקומען צו אן ענדע ווען די זון שטראלן האבן אריינגעשיינט אין די צימער געבנדיג א ליכטיגקייט פאר יעדן קינד. "קינדער יאגט ענק צו, מען סערווירט שוין פרישטאג אין די עס זאל, עס הייבט זיך אן א נייער טאג."

ספאנטאניש האט זיך מתתי' געגעבן א זעץ אויף אין בעט, ער האט געזוכט די נעגל וואסער נעבן זיין בעט, אבער עס איז נישט געווען דארט. אין איילעניש איז ער געלאפן צו די קראן און זיך געוואשן נעגל וואסער ביי איר און זיך געגרייט צו גיין עסן פרישטאג.

אין זיין טאשקע, איידער ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, האט אים זיין טאטע מיטגעגעבן א סידור. ער האט אויסגעזוכט א שטילער ווינקל און זיך געשטעלט דאווענען אין איר.

"עס ווערט שפעט פאר דיר," האט אים א וואלונטיר געזאגט.

ער האט אים געוויזן מיט די הענט אז ער האלט אינמיטן

תלמוד תורה דלונדון

בנשיאות הרה"ג ר' יוסף פרדוא שליט"א

# ישמח מש"ה במתנת חלקו

מ'שה ש'מח ה'גיע עת הזמיר ושירים, שיר ידידות ושיר המעלות בהידודים, כוס של ברכות שיגודימ
ש'פיר מ'שה ה'מיטיב במדת הגודש, ראשון הוא למקראי קודש, שובע שמחות תחדהו את פניך מוגש
ה'מוזיל מ'כיסו ש'ופע חסד בכל עת ועונה, ויהי ידיו אמונה, למען החזקת התלמוד תורה מקיים ובונה
ב'צלאל צ'ועד ל'הדים א'ת ל'ומדי מוסדינו בתבונה והשכל, עושה ומעשה בכל לב ונפש ומסירת רב
צ'דקות ל'הרבות ל'הרחיב ב'מוסדינו א'וצר טיבותא במרץ, חכמת בצלא"ל תרונה בחוץ, ברוב אומצ
ל'קדם ב'ברכה צ'הלה ל'הודות א'מרינו למלל, בשמחת הולדת נכדתו בחדוה וגיל, יחדיו נרנן ולהלל
א'ות ל'טובה צ'מיד ב'קידות ל'בבינו שבח דא שירתא, עוסק בלי ליאות ותששותא, ברב פעלתא
ל'עמוד ב'נדיבת ל'ב צ'דקת ל'חזק א'ורייתא יעש בצלא"ל, עפרות זהב מכיסו מוזיל, לבסס ולשכל

הרבני הנגיד המרומם איש חי ורב פעלים לתורה ולתעודה,
רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו ולבו

מוה"ר

# משה בצלאל האלפערט

הי"ו

עמוד התווך ובריח התיכן העומד בראש כל פעולות התלמוד תורה

## הולדת נכדתו שתחי'

אצל חתנו הר"ר פנחס מנחם דייס הי"ו

ל מ ז ל ט ו ב ו ב ש ע ה ט ו ב ה ו מ ו צ ל ח ת

תבענה שפתינו תהלות מביני עמודי התלמוד, שבחי תודה וברכות תחדהו לעד
לראות ביחד עם ב"ב תחי' רב נחת ותענוג וגיל, ממנה ומכל יוצ"ח לגדלם בנקל
מתוך הרחבת הדעת ואנפין נהורין בביתו, ובכל אשר יפנה יצליח בכל מפעליו
ויתברך בעושר והון, ולהמשיך במעשה הטוב והחסד במלא חפנים ורב אונ
דורש טוב וחסד, להרחבת גבולי הקדושה תמיד, צדקה וחסד פעלו הדר והוד
תודה וקול זמרה רבנן ולתמידהון תשב"ר במוסדינו, ברכה לראש משביר תרננו
וכה יתן וכה יוסיף ה' רב שמחה וששון, בשפע ברכה והצלחה בכל ענין ועניין
רב חילו לאורייתא כטל יזל, בכל צעד ושעל, פרי מעלליו יתרבו ויצליחו במזל
הנה שכרו אתו ותהלתו ערוכה בהוקרה נקריב, בשמחה רבה בהכרת הטוב

המברכים בלב ונפש חפיצה

## הנהלת התלמוד תורה

gilyoines.com

דאווענען, אז ער קען נישט אויסרעדן אין איר.

דער וואלונטיר האט עס אנגענומען מיט פארשטאנד אבער צוגעלייגט א באהויפטונג. "די פארידזש ווערט קאלט, עס איז אשאד אויף דיר."

מתתי' האט אים געשאקלט מיטן קאפ, א צייכן אז ער וועט עס מאכן די שנעלסטע וואס ער קען.

נאכן דאווענען איז ער אראפ אין דער עס זאל. עס איז געווען פיל מיט קינדער. איין קינד האט אים געמאכט א פלאץ נעבן זיך און אים צוגערוקט א טעלער. ער האט געמאכט אן ערליכע ברכה, ער האט קוים עספיעט צו עסן פון איר, ווען אין זאל איז שטיל געווארן.

"מיר האבן די עהרע פארצושטעלן מיטגלידער פון די גאווערמענט, זיי זענען געקומען זען וואס איז אייער גורל."

קיין סאך האט מתתי' נישט פארשטאנען, אבער קוקנדיג אויף זייערע קליידער און זעענדיג אז זיי זענען מיט מונדירן האט ער פארשטאנען אז דאס דארף זיין אפיציעלע מענטשן פון די רעגירונג. זיי זענען אריבער צווישן די טישן און גערייכט די הענט פון יעדן קינד.

"מתתי' סאדוויסקי," האט זיך מתתי' אנגערופן ווען מען האט אים געפרעגט זיין נאמען.

"מעטיו," האט אים דער גוי פארראכטן.

"מעטיו," האט מתתי' געגעבן זיין צושטימונג, ווייסנדיג אז פון היינט און ווייטער איז דאס זיין נאמען.

די פרישטאג האט זיך געענדיגט, יעצט האט זיך אנגעהויבן א פרישער טייל פון דעם טאג.

פון די ערשטע רגע איז געווען קלאר פאר יעדן קינד אז וואו זיי ווילן יעצט איז בלויז אן איבערגאנג, פון דא וועט מען זיי איינטיילן צו אנדערע ערטער. דאס ארט האט נישט געהאט די מינימאלע איינריכטונגען צו קענען האלטן די קינדער אין איר, אבער נאכן עס וויסן איז געקומען צוגיין דער באשטעטיגונג אז דאס איז ווירקליך אזוי און אז עס ווארט זיי אפ אן איבערגאנג.

מתתי' האט זיך געוואונדערט וואס עס ווארט אים אפ, ער האט נישט געהאט וועמען צו פרעגן און מיט וועמען זיך דורכצושמועסן, די איינציגסטע זאך וואס ער האט געקענט טון איז געווען בעטן און מתפלל זיין צום ליבליכן פאטער אין הימל אז ער זאל זיך דערבארעמען אויף אים און אים ווייטער העלפן.

פון איין קינד צו די אנדערע זענען די וואלונטירן ארום, מען האט געגעבן פאר די קינדער זייף און פרישע קליידונג, אז זיי זאלן זיך גרייט מאכן צו די איבערגאנג.

"דו דארפסט אויסזען גוט, אז דו ווערסט מאכן א גוטער איינדרוק, זענען די שאנסן אז מען זאל דיר נעמען גרעסער."

אין רייעס האבן זיך די קינדער געשטעלט, מען האט זיי געהייסן זיך ארומוואשן און קליידן שיין און סארטירט, אז זיי זאלן מאכן די בעסטע איינדרוק פאר די באזוכער.

אויך מתתי' האט זיך געשטעלט אין די רייע. דורכאויס די לעצטע צוויי וואכן איז אים נישט אויסגעקומען צו מאכן א ווארעמע שויער.

יעצט האט ער געהאט פאר זיך די ערשטע געלעגנהייט, ער האט זיך ארומגעוואשן און נאך דעם האט אים א וואלונטיר אויסגעקעמט די האר, ער זאל מאכן א גוטער איינדרוק.

צו די באשטימטע שעה - עלף אזייגער - האט מען זיי אריינגעשטעלט אין א גרויסער זאל.

יעדער פון די קינדער איז געזעצן אויף זיין ארט, נעבן יעדן איינעם איז געלעגן די ביסל האב און גוטס וואס ער האט מיטגעברענגט פון זיין שטוב.

די טירן האבן זיך געעפנט און פארפעלקער האבן אנגעהויבן ערשיינען ביי אירע שוועלן.

די אויגן פון מתתי' האבן ארומגעוואנדערט פון איין זייט צו די אנדערע. ער האט געזוכט דארטן איינער וואס זאל ענדלען אין זיינע עלטערן, א איד מיט א בארד, מיט הענגענדיגע פיאות, א הוט אויפן קאפ, אפילו א צילינדער, אבער צווישן אלע האט ער נישט געטראפן קיין איינעם מיט אזא טראגע.

'אפשר וועט לוי קומען,' האט ער געטראכט צו זיך. 'ער וועט קומען פון די ישיבה און מיר נעמען צום ישיבה.'

ער האט זיך נאכאמאל ארומגעקוקט אויף אלע זייטן אבער לוי איז נישט געווען צום געפינען דארט.

מיטאמאל האט ער באמערקט ווי פיר אויגן קוקן אים אן.

די בליקן זענען געווען דורכדרינגליך.

"האו איס היא?" האט דער פארשוין געפרעגט פון דעם וואלונטיר וואס האט אים באגלייט. ■

**פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה.**

CORPORATE SPONSORS: Hoffmans

MEDIA SPONSORS DECORECT LANDS PARTNERS STARPLANS FeldView HOME HOST

מזל טוב מחותן!
א שיינע חתונה געמאכט,

# און
# ביסט נאך
# אזוי רואיג.

ישוב הדעת

„אלעס פון א קליינע £180
אינוועסטמענט געקויפט פאר
קנאפע 18 יאהר צוריק ביי קענוו
איילענד'ס **ישוב הדעת קאמפיין**."

Price **£180** | **2** for **£300** | **5** for **£580**

020 3838 0665 | Lifetimepayout.org

# £180

## פאר קענווי.

# £70,000

## פאר מיך.

ישוב הדעת

Price **£180** | **2** for **£300** | **5** for **£580**

Charity number: 1202574

געבט א נדבה פון 180 פונט און באקומט א געלעגנהייט
צו געווינען אן S&P 500 אקאונט, מיט גאנצע

## זיבעציג טויזענט פונט אינעווייניג.

געשאצט אנצוקומען צו א
האלבע מיליאן פונט אין א
צייט אפשניט פון 18 יאהר.

איר קענט עס צוטיילן לויט
אייערע קינדער, אדער אין
איין גרויסע אקאונט.

EARLY BIRD SPECIAL:

| £130 | £160 | £180 |
|---|---|---|
| for the first 300 tickets | for the next 600 tickets | thereafter |

CORPORATE SPONSORS:

MEDIA SPONSORS

**020 3838 0665**

gilyoines.com



# גלה כבוד מישראל

יהדות לאנדאן בפרט און שלומי אמוני ישראל בכלל
באוויינען הסתלקות פון האי גדול וצדיק משיירי כנסת הגדולה
לוחם מלחמות ה' בעוז ובגבורה

## מרן ראש ישיבה הרמה

### הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער זצוק"ל

"שבת בשבתו" האט געהאט די זעלטענע זכיה אריינצוגיין בקודש פנימה
און הערן א הונדערט-און-פיר יאריגע הרבצת התורה ויראה, און עומד על
משמר היהדות אן קיין הפסק // **באהבתה ישגה תמיד**

דעם פארגאנגענעם מיטוואך לסדר "ומשה עלה אל האלוקים" איז דאס יהדות החרדית אין לאנדאן בפרט און איבער די וועלט בכלל געשלאגן געווארן בכפלים, ווען ס'האט זיך פארשפרייט די ידיעה איבער די הסתלקות פונעם גרויסן ראש ישיבה און מרביץ תורה פאר לאנגע יארן מרן הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער זצוק"ל ראש ישיבה הרמה איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים אינעם עלטער פון הונדערט און פיר יאר לדאבון לב כל בית ישראל.

מיט די הסתלקות פונעם ראש ישיבה איז געשלאסן געווארן א קאפיטל אין די געשיכטע פון די היסטאריע פון יהדות לאנדאן, ווען דער גאון זצ"ל האט באשיינט די שטאט בכח תורתו וקדושתו, און געפירט עדת צאן מרעיתו מיט א דערהויבענע הנהגה וואס ווייניג האבן דערצו זוכה געווען.

דער ראש ישיבה ז"ל איז געווען א שריד לדור דעה זייענדיג א תלמיד פון מרן **הגה"ק מהרי"ץ דושינסקיא זצוק"ל** גאב"ד ירושלים, און האט זוכה געווען צו קירבה יתירה ביי מרן **הגה"ק בעל החזון איש זצוק"ל** און **מרן הגה"ק מבריסק זצוק"ל** וועלכע האבן אין אים געזען א נשמה וואס איז ראוי לאותה איצטלא צו זיין מקברניטי היהדות הנאמנה און האבן אים געטראסט מיט די געהיימענסטע שליחות'ן און שטארקסטע הוראות.

אויסער זיין גרויסע כח בהרבצת התורה, איז דער ראש ישיבה געווען באקאנט אין זיינע פעולות נשגבות למען ביצור חומת היהדות הצרופה, ווען מיט זיין 'לא תגורו מפני איש' כאראקטער איז ער געשטאנען ווי א געטרייער גענעראל אכטונג צו געבן אויף קדושת בית ישראל און באקעמפן די גזירות וואס האבן געהויערט אויף אידישע קינדער מבית ומבחוץ, אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ. און בפרט איז דער ראש ישיבה געווען פארנומען טאג און נאכט צו ראטעווען כבוד המתים מיט'ן אויפשטעלן און אנפירן דעם וועד להצלת בתי עלמין באייראפע, וואס האט אוועקגעשטעלט א פרעצעדענט אז כבוד מתי ישראל אינם הפקר און אזוי ארום אפגעראטעוועט הונדערטער בתי חיים איבער די גאנצע וועלט פון ווערן פארשוועכט ל"ע.

וכבוד גדול עשו לו במותו, ווען טויזנטער אידן האבן שווארץ געמאכט די גאסן, און זיך משתתף געווען אפצוגעבן כבוד האחרון פאר'ן גרויסן גאון וגדול, און אינאיינעם האט מען באוויינט דעם אבידה אשר שרף ה' ווען דער ארון אלוקים ווערט געפירט צום אייביגן רוה.

צווישן די מספידים האט מען געהערט די דברי קינה ובכי פון ידידו ורעו יבלחט"א מרן פוסק הדור מרא דארעא קדישא **הגה"ק רבי משה שטערנבוך שליט"א**, מרן **הגאון האדיר בעל פותח שער שליט"א** סאב"ד התאקה"ח, מרן **הגאון האדיר רבי אהרן דוד דוננער שליט"א** ראב"ד התאקה"ח, מרן **הגאון האדיר רבי זאב הלוי פעלדמאן שליט"א** חבר הבד"ץ דהאתקה"ח, וועלכע האבן אלע אינאיינעם באוויינט די גרויסע אבידה און ארויסגעברענגט דעם שרעקליכן חלל וואס איז געשאפן געווארן מיט די הסתלקות פונעם גרויסן ראש ישיבה און מרביץ תורה.



זכתה "שבת בשבתו" צו א זאך וואס קיין איין איינציגסטע אויסגאבע האט נישט זוכה געווען, ווען מיט פינעף יאר צוריק האט דער גרויסער גאון וקדוש דער ראש ישיבה זצוק"ל אונז געעפענט זיין טיר און געגעבן פאר אונז א שמועס איבער די היסטאריע פון זיבעציג יאר הרבצת התורה, אן ארטיקל וואס איז ערשינען אין אונזער אויסגאבע פרשת ויקהל פקודי תשפ"א הערל"ט.

טראץ וואס דער ראש ישיבה איז אלע יארן אנטלאפן פון יעדן מין איבעריגע פירסום, און געלעבט פאר זיך אין זיין אייגענעם ווינקל וואס פון דארט האט ער מרביץ תורה געווען און ארויסגעשריגן דעם דבר ה' ברמה, האט אבער דער ראש ישיבה באוויליגט צו רעדן מיט די מערכת פון "שבת בשבתו" שטייענדיג בעפאר א ריזן קאמפיין וואס איז דאן פארגעקומען פאר די מבצר הכוללים בישיבה הרמה, און למען כבוד התורה ולומדיה האט דער ראש ישיבה מסכים געווען ארויסצוגיין מגדרו און רעדן צום ציבור פון צווישן די שפאלטענעס פון "שבת בשבתו".

אצינד לאור די פטירה לייגן מיר איבער דעם שמועס וואס איז דאן ערשינען אין "שבת בשבתו" ככתבו וכלשונו, ווען מיט דעם ווען מיר באקומען א נאנטע בליק איבער מפעל חייו, די כח פון הרבצת התורה אזויפיל יארן, ואין אומרים בפני אמת אלא דבריו של מת.

צוליב די אינטרעסאנטקייט פונעם ארטיקל לאזן מיר די ארטיקל כמו שהוא, געניי ווי עס איז דאן ערשינען, ווען די טיטלען שליט"א דארף ליידער ווערן געטוישט צו זצוק"ל, צוליב דעם וואס מיר האבן נישט זוכה געווען אז דער גרויסער גאון זאל זיין מיט אונז ביז משיח'ס טאג.

## גדול כים שברנו אוי מי ירפא לנו - ולשון חכמים מרפא.



פון לינקס צו רעכטס: דער ראש ישיבה שליט"א, כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים שליט"א, להבחל"ח הגאון ר' גדלי' שניידער זצ"ל, הגאון ר' משה שלאס זצ"ל



אשר נתן לנו תורת אמ"ת



א הערליכע בילד וואו דער ראש ישיבה גרייט זיך צו די "כל נדרי" דרשה היי יאר - אן אור אייניקל העלפט צו מיט'ן שרייבן די נקודות

# בקודש פנימה

**ראה לפני מי אתה נכנס.** א טרייסל האט אונז אנגעכאפט ווען מיר האבן איבערגעטרויטן דעם שוועל פונעם טיהר בביתו נאוה קודש פון הגאון האדיר זקן ראש הישיבות בדורינו מרן רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ראש ישיבת ישיבה הרמה וואס באשיינט די וועלט בכלל און אונזער שטאט לאנדאן בפרט בתורתו ובקדושתו.

זכתה עירנו לאנדאן אז די השגחה עליונה האט צוגעפירט דער ראש ישיבה שליט"א האט בוחר געווען אין איהר, אוה למושב לו, מרביץ תורה ויראה צו זיין שוין אזויפיל יאר. דער ראש ישיבה זייענדיג באקאנט אלס לוחם מלחמתה של תורה בעוז ובגבורה אין אלע ענינים, איז פיל צו פארדאנקען די ערליכקייט וואס נעמט ארום אונזער שטאט. זיין פעסטקייט אין אלע ענינים, סיי אין תורה, סיי אין אלע אנדערע ענינים פון אידישקייט האט דירעקט און אומדירעקט א פעסטע השפעה אויף יעדן יחיד אין שטאט.

היינט צו טאג'ס טראגט דער ראש ישיבה שליט"א ריכטיג דעם טיטל אלס ראש גולת אריאל זייענדיג דער עלטסטער מרביץ תורה און רב רבנן ביים יהדות החרדית איבער די וועלט, און זייענדיג דער דולה ומשקה מתורת רבותיו לאחרים שעפנדיג היופנס פון תורה וקדושה פון די גרעסטע גדולי ישראל אין די לעצטערע דורות ביי וועמען דער ראש ישיבה שליט"א האט זוכה געווען צו א זעלטענע חביבות וואס אפי' גדולים וטובים האבן צו דעם נישט זוכה געווען.

די גרויסע רבי'ס זיינע, צווישן זיי הגה"ק מהרי"ץ דושינסקיא זצוק"ל, הגה"ק בעל החזון איש זצוק"ל, הגה"ק מבריסק זצוק"ל און נאך פילע גדולי ישראל, האבן איהם שוין אין די יונגע יאר'ן גאר שטארק מחבב געווען און מיט איהם זיך דורכגערעדט שווערע סוגיות בגמרא הלכה און בעיקר השקפה זעהנדיג אין איהם דער קומענדיגער גדול הדור ורב רבנן וואס וועט איבערגעבן די ריכטיגע דרך התורה מיט אן אמת אן קיין שום שינוי.

זייענדיג א באקאנטער ענוותן און שפל ברך אנטלויפט דער ראש ישיבה שליט"א פון יעדן מין פירסום. אבער דאס האלט נישט צוריק אז ווען עס קומט צו אידישקייט שטעלט זיך דער ראש



דער ראש ישיבה שליט"א ביים אנקומען פון בעלגיע קיין לאנדאן מיט א קבוצה פון זיינע תלמידים, ווערט געזען צווישן אנדערע הגאון ר' אפרים לאנדא זצ"ל מגדולי תלמידיו



ביים מעמד חנוכת הבית פון די ישיבה אין גרין לעינס, ווערט געזען פון לינקס צו רעכטס מרן הגאב"ד בעל חשב האפוד זצ"ל, הרב שלמה שעהנפעלד זצ"ל, דער ראש ישיבה זצ"ל, הגה"צ בעל שרגא המאיר זצ"ל



דער ראש ישיבה זצ"ל
פארטיפט אינעם ים התלמוד בהיכל ישיבה הרמה

ישיבה ארויס ווי א לייב במלחמתה של תורה צו גיין אנטקעגן די שטראם און זיך אננעמען פאר די תורה אין יעדן מצב.

אלס א ביישפיל ווי דער ראש ישיבה גייט ארויס פון וועג למען התורה ולומדיה האבן מיר דא אין מערכת זוכה געווען אויפגענומען צו ווערן אינעם בית הגדול פונעם ראש ישיבה שליט"א און אפהאלטן א פערזענדליכע שמועס מיט'ן שר התורה איבער די פילע יאר'ן פון הרבצת התורה בטהרה אינערהאלב ישיבה וכולל הרמה.

ווער ס'קען נאר דעם ראש ישיבה ווייסט אז דער גדול איז דער לעצטער מענטש וואס וועט זיך אוועקזעצן פאר א שמועס מיט א שרייבער און רעדן צו אן אויסגאבע. אבער אצינד איז אנדערש. דא רעדט זיך פון די טובה פון די כולל, כדי די יונגעלייט זאלן קענען ווייטער זיצן אין לערנען מיט ישוב הדעת. נו, אויב די רעדע איז תורה דאן איז גארנישט קיין אפהאלט, פאר תורה טוהט מען אלעס.

אין ליכט פון די מאסיווע קאמפיין וואס ווערט אין די טעג אפגעראכטן לטובת הכולל שע"י ישיבה הרמה בנשיאותו הרמ"ה פונעם ראש ישיבה שליט"א, האבן מיר געהאט די זכיה אויפגענומען צו ווערן ביים ראש ישיבה שליט"א וואס איז לטובת החזקת הכולל גרייט געווען אפצורייסן פון זיין טייערע צייט וואס יעדע איינציגע מינוט האט אן אומשאצבארע ווערד מיטצוטיילן מיט די טייערע ליינער די גלאררייכע היסטאריע פון ישיבה הרמה און פון די צייטן ווען 'וועלט איז נאך געווען וועלט'.

# א שמועס מיט'ן ראש ישיבה

"איהר טוהט זעהער א גוטע זאך" האט דער ראש ישיבה שליט"א - מיט זיין גוט הארץ צו יעדן איינעם - אויסגענוצט דעם געלעגנהייט אונז צו מאכן גוט שפירן, "איך ליין נישט אייער אויסגאבע, אבער כ'הער אויף אייך גוטע גריסן" איז די עדות וואס דער גאון וצדיק נשגב געבט אויף "שבת בשבתו".

מיט א צאפלדיג הארץ שטעלן מיר אוועק די ערשטע שאלה פאר'ן גרויסן גדול און מיר בעטן איהם ער זאל אונז מיטטיילן איבער זיין היסטאריע און שימוש חכמים ביי די גדולי ישראל.

"רעדט נישט פון מיר, איך קען נישט דערליידן קיין פירסום" זאגט דער ראש ישיבה מיט א פעסטקייט. "דער טאטע איז געווען זייער קעגן יעדע זאך פון פירסום. די אלע וואס טוהען דאס מאכן עס נגד רצוני".

ווען מיר זאגן פאר'ן ראש ישיבה אז עס איז אויפגעוואקסן א נייע דור 'אשר לא ידע את יוסף', א דור וואס איז שוין אביסל ווייטער פון די אמת'ע גדולי ישראל, און עס וועט זיין א געוואלדיגע זאך ווען די יונגע דור וועט ליינען ערשטע עדות'שאפט פון וואס מ'האט מיטגעהאלטן מיט די אייגענע אויגן, זאגט אונז דער ראש ישיבה אז מ'קען סייווי אין אפאר מינוט נישט דערציילן אלעס, נאר וויפיל ס'וועט זיך אויספעלן פאר די שמועס וועט מען אונז דערציילן.

אבער פטור בלא כלום אי אפשר, דעריבער וועלן מיר אין געציילטע ווערטער און אין עטליכע פעראגראפן פראבירן צו שילדערן א קורצע ביאגראפיע איבער'ן לעבן און שאפן פונעם ראש ישיבה שליט"א.

## ארץ שנער הרה וילד וארץ הצבי גדלה שעשועי'

דער ראש ישיבה שליט"א איז געבוירן אין שטאט וויען צו זיין פאטער הרב דוד שלעזינגער זצ"ל אלס א פרישע גאלדענע רינגעלע אינעם הערליכן קייט און יחוס בוים וואס דער ראש ישיבה ציעט צו די גרעסטע גדולי ישראל צווישן זיי הגאון בעל בית מאיר זצ"ל, הגאון בעל פני יהושע זצ"ל, און דער בעש"ט פון מיכלשטאט זצ"ל ולמעב"ק.

ווען דער ראש ישיבה איז געווען א קליין קינד, סוף זומער שנת תרפ"ב, האט דער רשכבה"ג מרן החפץ חיים זצ"ל געוויילט אין וויען זיך צו באטייליגן אין די כנסי' הגדולה, און געהאט די אכסני' בביתו פון ר' דוד שלעזינגער פאטער פונעם ראש ישיבה.

דער ראש ישיבה שילדערט: "דער חפץ חיים איז געווען ביי אונז אינדערהיים, איך בין דאן געווען א קינד, און מיין טאטע האט מיך איבערגעגבן פאר'ן חפץ חיים זאל מיך בענטשן. לויט ווי מען האט מיר דערציילט, האט מיר דאן דער חפץ חיים גענומען אויף זיין שויס, געלייגט ביידע הענט אויף מיין קאפ, און מיך געבענטשט ברכת כהנים."

די דאזיגע אנעקדאט איז גאר א אינטערעסאנטע חידוש ווי ס'איז באקאנט אז דער הייליגער חפץ חיים פלעגט נישט געבן קיין ברכות סתם אזוי. זיין סדר פלעגט זיין צו ענטפערן פאר די וואס האבן געבעטן א ברכה 'גיי בענטש זיך ביים אייבערשטן'... אבער 'ראש ישיבה שאני'.. און אלס הכרת הטוב פאר'ן בעל אכסני' ר'

דוד האט דער הייליגער ח"ח מסכים געווען צו בענטשן בברכה המשולשת דעם ברכת כהנים פונעם כהן הגדול מאחיו רבי ישראל מאיר הכהן מראדין, וואס בלייבט אויף אייביג.

לויט ווי די מקורבים פונעם ר"י שליט"א געבן איבער, איז דער ראש ישיבה שליט"א תולה פיל פון זיינע הצלחות אין אלע הינזיכטן אין די ברכה פון הייליגן חפץ חיים וואס ער האט נאך באקומען אלס קליין קינד.

ביי די דרייצן יאר איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין פרעשבורג לערנען אין די ישיבה אין די צייט פון הגאון בעל הדעת סופר זצ"ל וואו ער האט דאן געלערנט אינאיינעם מיט להבחל"ח ידידו ורעו הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל וואס איז געווען עלטער פון איהם מיט עטליכע יאר.

נאכ'ן ענדיגן די ישיבה קטנה יאר'ן איז דער ראש ישיבה געפארן קיין נייטרא צו די ישיבה פון הגה"ק ר' שמואל דוד אונגאר זצ"ל ביי וועמען דער ראש ישיבה האט געטראגן א גרויס חביבות און טראץ זיינע יונגע יארגאנג האט ער איהם מקרב געווען ווי א באליבטער תלמיד.

זייענדיג אין נייטרא האט דער ראש ישיבה אנגעקניפט גאר נאנטע באציאונגען מיט נייטרא'ער רב'ס איידעם דער חכימא דיהודאי ומושיען של ישראל הגה"ק ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל, וואס האט געטראפן אינעם יונגן בחור'ל א הארץ וואס וועט אויסשטייגן א גדול בישראל און האט מיט איהם פארברענגט שעות על גבי שעות בתורה ובהשקפה.

דער ראש ישיבה שילדערט איבער זיין קשר מיט'ן גאון וצדיק ר' מיכאל בער: "ר' מיכאל בער איז געווען א גאון מופלג, ער האט געהאט א משונה'דיגן קאפ. ער פלעגט שטענדיג האבן זיין חבורה בחורים וואס מיט זיי האט ער געלערנט און פארברענגט. איך האב געהאט מיט איהם גאר אסאך, ער האט געלערנט מיט מיר פאר שעות ארוכות.

"אויך פלעג איך רעדן מיט איהם אין אלע ענינים פון אידישקייט פאר גאר לאנגע שעות, גאנצעטע נעכט האבן מיר געקענט פארברענגען אינאיינעם, ער איז געווען א ידען נפלא און בעל השקפה וואס איז שווער צו טרעפן.

"איך האב אליינס מיטגעהאלטן ביי איהם א רוח הקודש מעשה. געווען איז דאס שנת תשי"ב ווען איך בין געווען אין אמעריקא און איך בין געגאנגען באזוכן אין נייטרא ביי ר' מיכאל בער. דארט האב איך אויך געטראפן להבחל"ח הגאון הגדול רבי חנוך העניך פאדווא זצ"ל גאב"ד עירנו ובעל חשב האפוד וואס האט נאך דאן געוואוינט אין ירושלים און איז געקומען אויף א באזוך קיין אמעריקא.

"ווען איך בין אריין צו ר' מיכאל בער זיך געזעגענען איידער'ן אהיימפארן האט מיר



דאס לעצטע מאל דער ראש ישיבה זצ"ל איז אריינגעקומען אין היכל הכולל במשכ'ן סדרי הכולל, פונקט א יאר צוריק, אויף די אייגענע פוס. ווערט באגריסט דורך נכדו חביבו הרה"ג רבי נפתלי שליט"א משגיח ישיבת בית התלמוד



ביים ארויסקומען פון ביהמ"ד נאכן מאריך זיין כדרכו בתפלת שחרית - ווערט באגלייט דורך יד ימינו הרה"ח ר' שלמה משה טאנג'י שליט"א וואס האט באדינט דער ר"י פאר יארן לאנג



אויפן וועג אריין אין ישיבה באטראכטענדיג מיט הנאה די צעטלעך לטובת מוסדות וואס געניסן נישט פון די רעגירונג, וואס איז אים געווען משאת חייו

ר׳ מיכאל בער געפרעגט אזוי ׳וואס פארסטו קיין ארץ ישראל דו באלאנגסט דאך אין חוץ לארץ?!׳...

"ארויסקומענדיג האב איך געטראפן רב פאדווא און ער פרעגט מיר וואס האט ר׳ מיכאל בער אנטקעגן ארץ ישראל? אויף מיין וואונדער אויף זיין פראגע זאגט ער מיר אז ר׳ מיכאל בער האט איהם געפרעגט פארוואס ער פארט צוריק קיין ארץ ישראל ער באלאנגט דאך אין חו"ל?! ממש די זעלבע ווערטער ווי ער האט מיר געזאגט.. עס איז מיר געווען א געוואלדיגע פלא די ווערטער.

"אינטרעסאנט איז אז ווען איך האב שפעטער גערדארפט אוועקפארן פון אר"י (ווי ווייטער געשילדערט), זענען מיר געווען אינאיינעם אויפן שיף און מיר זענען געקומען פון ארץ ישראל ביז קאלעי. זעהט זיך אויס אז ר׳ מיכאל בער האט דאס שוין פון פאראויס געזעהן אז מיר וועלן פארלאזן אר"י אינאיינעם."

איידער עס האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה האבן די דייטשן ימ"ש ארויסגעגעבן א באפעל אז וועלכע איד עס וויל פארלאזן עסטרייך קען עס יעצט טוהן מיט׳ן תנאי אז ער מוז איבערלאזן דאס גאנצע פארמעגן און זיך גיין.

זיך וועלנדיג ראטעווען זייער לעבן, האט משפחת שלעזינגער גענומען דעם וואנדער שטעקן און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צו אנטליפן פון אונטער דעם ברענעדיגן ערד.

"די ערשטע זאך וואס איז געליגן פאר מיין טאטע אין קאפ איז געווען די חינוך פון די קינדער." שילדערט דער ראש ישיבה שליט"א די תקופה וואס זיי זענען אנטלאפן מארץ מולדתם. "דער טאטע איז געוואויר געווארן אז אין אנטווערפן איז דא צו באקומען א חינוך פאר די קינדער האט ער געטראכט צו גיין אהין, אבער וויבאלד מיין באבע איז שוין געווען אין אר"י זענען מיר קודם אהין געפארן.

"ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן און מען האט אנגעהויבן צו דעפארטירן די אידן, איז אנטווערפן אראפ פון געדאנק. דעמאלטס האט זיך אויסגעשטעלט אז דאס פארן קיין ארץ ישראל איז געווען א הצלה וויבאלד רוב אידן פון אנטווערפן זענען ליידער אוועקגעפירט געווארן דורך די דייטשן און אומגעברענגט געווארן.

"מיין טאטע האט אבער נישט געוואלט וואוינען אין אר"י, צוליב די ווינטן פון ציונות וואס האבן דארט געבלאזן. גלייך נאכ׳ן קריג איז צוריק ארויפגעברענגט געווארן די פלאן צו פארן קיין אנטווערפן און דער טאטע האט געשריבן א בריוו פאר א קרוב וואס האט דארט געוואוינט ער זאל אנגרייטן א פלאץ פאר זיי צו קומען וואוינען וויבאלד די לופט אין אר"י איז זייער ציוניסטיש געשטימט און ער וויל נישט אז זיינע קינדער זאלן אט די לופט אריינאטעמען..

"ווען דער קרוב האט באקומען דעם בריוו האט ער גלייך



ביים אריינקומען אין היכל הישיבה באגלייט דורך נכדו הרה"ג ר' יצחק זאב שליט"א



ביי א לעצטיגע מיטינג מיטן רב הראשי פון פולין לטובת קברי ישראל, משאת נפשו פונעם ראש ישיבה זצ"ל



צוריקגעשריבן דעם טאטן אז ער זאל בלייבן אין אר"י, ווייל אויב די פראבלעם איז 'ציונות' דאן איז די לופט אין אנטווערפן סאך מער פארפעסטיגט... שוין, איז מען דאן געבליבן אין אר"י.

אזוי האט ארץ ישראל דער ארץ הצבי זוכה געווען צו מגדל זיין דעם ילד שעשועים דעם שפעטער'דיגן גרויסן ראש ישיבה שליט"א ווען צווישן די גדולי ישראל וואס האבן דארט געוואוינט האט דער ראש ישיבה געשעפט היופנס פון תורה קדושה און השקפה וואס באגלייט איהם ביז היינט.

# בצל רבותיו הגדולים

אנקומענדיג קיין אר"י איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין לערנען בישיבתו הרמה פון הגאון הקדוש מהרי"ץ דושינסקיא זצוק"ל, ולא זז מחבבו ביז ער האט איהם פאררעכנט אלס איינע פון די נאנסטע תלמידים.

עס איז ווערד אנצוצייכענען אז דורכאויס דעם שמועס וואס מיר האבן אפגעהאלטן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א האבן מיר אויפגעפאסט אז געוועגדליך ווען דער ראש ישיבה זאגט 'דער רבי' דאן איז די כוונה אויף רבו המובהק הגה"ק המהרי"ץ.

ווען מיר פרעגן דעם ראש ישיבה איבער זיינע יאר'ן אין דושינסקיא און וויאזוי איז ער אנגעקומען אין די ישיבה דערציילט אונז דער ראש ישיבה ווי פאלגנד:

"די שייכות מיט'ן רבי'ן פאנגט זיך נאך אן פון גאלאנטא. איך האב געהאט א פעטער ר' מעכיל, וואס האט געלערנט ביים רבי'ן אין גאלאנטא, און דאן האט זיך דער רבי באקענט מיט'ן זיידן הרב ר' דוד שלעזינגער.

"דער רבי האט אמאל געשריבן אין א בריוו אויפן זיידן די לשון 'משארית זקני חסידי יהדות אשכנז'. א לשון וואס ווייזט אויף די גרויסע הערצה וואס די רבי האט געהאט צום זיידן.

"ווען איך בין אנגעקומען קין אר"י האט מיר מיין טאטע געשיקט לערנען ביים רבי'ן, ווען איך בין געקומען זיך איינשרייבן אין ישיבה האט מיר דער רבי געזאגט אז ער איז מיך גרייט צו נעמען מיט איין תנאי.' נאר אויב דו ווערסט נישט משנה



דער ראש ישיבה בסוד שיח מיט
הגאון הגדול רבי משולם דוד סאלאווייטשיק זצ"ל ר"י בריסק



דער ראש ישיבה ביים מסיבת פרידה פון הרה"ג ר' נתן יוסף מייזעלס זצ"ל
וואס האט ביז דאן געדינט אלס אב"ד דקיט"ל דסאטמאר



א"ש התורה - דער ראש ישיבה ביי זיין לעצטע שיעור כללי אין היכל הכולל
סוף זוממער תשפ"ד

זיין פון וואס דו האסט געזעהן ביי דיינע עלטערן.' - מיינענדיג מיט דעם אז זייענדיג א 'יעקישער' בחור, זאל איך נישט טויטן די מנהגים פון וואס כ'האב געזעהן טראץ וואס אין ישיבה ווערט מען זיך פירן אנדערש...

"דער רבי פלעגט פארלערנען שיעורים פאר פינעוו זעקס שעה א טאג. קיינער האט נישט געמעגט אריינפרעגן אינמיטן שיעור. מיר האט ער אבער געגעבן אן אויסנאם. 'דו קענסט פרעגן' האט ער מיר געזאגט."

שפעטער ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געלערנט אין לומזשער ישיבה האט ער אנגעהויבן צו פארן קיין בני ברק צו ווילן במחיצתו פון הגה"ק המפורסם בעל חזון איש זצוק"ל.

דער חזון איש וואס האט בטביעות עינו גלייך איינגעזעהן אינעם ראש ישיבה איינער וואס ווערט נאך זיין פון די מנהיגי ישראל, האט דעם ראש ישיבה גאר שטארק מקרב געווען און אסאך געלערנט מיט איהם סיי תורה און סיי בהשקפה.

דער ראש ישיבה דערציילט וויאזוי ער איז נתקרב געווארן במחיצתו פונעם גדול הדור: "די גאנצע צייט וואס ר' חיים עוזר (גרודזינסקי מווילנא) האט נאך געלעבט האט דער חזון איש נישט געלאזט מ'זאל איהם מפרסם זיין. אין די גאנצע וועלט האט מען געוויסט פון זיינע ספרים צו זאגן, אבער ווער ער איז האט מען כמעט נישט געוויסט.

"איך האב געהאט א חבר וואס האט מיך גענומען צום חזו"א, און גלייך ווען איך בין אנגעקומען האט ער מיך זייער מקרב געווען. ער האט אסאך גערעדט מיט מיר אין לערנען און אין אנדערע ענינים. ער איז געווען זייער ליבליך צו יעדן איינעם. די בחורים אין מיין ישיבה פלעגן לאכן פון מיר: 'דו האסט געטראפן א רבי'ן צו וועמען צו פארן..' אבער שפעטער ווען זיי זענען געווארן געוואויר ווער דער חזו"א איז האבן זיי מיך געבעטן איך זאל זיי דארט מקרב זיין..."

ווען דער שרייבער פון די שורות זאגט פאר'ן ראש ישיבה אז זיין מאמע איז געבוירן מיט א ברכה פונעם חזון איש, זאגט דער ראש ישיבה: "ז'איז נישט די איינציגסטע. עס איז דא הונדערטער אזעלכע."

אויף אונזער פראגע צי דער ראש ישיבה האט אמאל מיטגעהאלטן עפעס 'רבי'שע מעשיות' ביי הגה"ק החזו"א. קומט א ספאנטאנע רעאקציע: "מ'קען נישט אנהייבן צו רעדן ווייל מ'וועט נישט ענדיגן! דארט האבן זיך געוואלגערט מופתים אונטער'ן טיש.

"ביים חזו"א איז געווען זייער אפן. מ'האט ביי איהם געקענט זעהן אפענע זאכן. נישט איינמאל און נישט צוויי מאל האט מען ביי איהם אויפגעכאפט אפענע רוח הקודש. ער האט געהאט אזא אפענע הנהגה. ער האט געהאלטן אז די דור דארף עס האבן.

דער ראש ישיבה געבט צו פארשטיין די חילוק צווישן זיינע צוויי רבי'ס הגה"ק בעל החזו"א זצוק"ל און הגה"ק דער בריסקער רב זצוק"ל. "ביים רב (מבריסק - ב.י. כהן) איז אלס געווען באהאלטן, ער האט זיך קונצליך באהאלטן פון מענטשליכע אויגן, ער האט נישט געוואלט מ'זאל צופיל אויפפאסן. אבער ביים חזו"א איז אלס געווען אפן. כדי צו מחזק זיין די אמונה ביי די מענטשן פון יענע צייט, מ'איז דאך געווען נאך די מלחמה, דאס האט איהם געברענגט זיך צו פירן מיט א וועג וואס האט יעדן געוויזן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

# צעיר וזקן שיושב בישיבה

אצינד דערנעטערן מיר זיך צום הויפט ציהל פונעם שמועס פארוואס מיר זענען היינט דא. מיר גייען רעדן מיט'ן גרויסן ראש ישיבה איבער די ישיבה און כולל וואס שטייט שוין דא אין לאנדאן פאר אזויפיל יאר'ן, א חשבון פון איבער פינעוו און זעכציג יאר כולן שוין לטובה.

ווען מ'רעדט פונעם גרויסן ראש ישיבה שליט"א וואס איז היינט צו טאג'ס א בחינה פון א 'זקן ויושב בישיבה', איז אבער וויכטיג צו דערמאנען אז דאס איז נישט נאר בלויז אין די יאר'ן וואס ער איז געווארן דער גרויסער וועלט בארימטער ראש ישיבה, נאר כל ימיו איז ער געווען א ישיבה מאן, און איז גערעכנט געווארן אלס איינער פון די לייבן אינעם עולם התורה.

שוין אלס גאר יונגער יונגערמאן, אין די פריע צוואנציגער יאר'ן, האט דער ראש ישיבה געעפענט א ישיבה אין ירושלים וואו עס האבן דארט געלערנט א צאל תלמידים צווישן זיי אזעלכע וואס זענען לימים אויפגעוואקסן אלס גדולי תורה און בארימטע תלמידי חכמים, ווען צווישן די גאר בארימטע תלמידים פון יענע ישיבה זענען הגה"צ המשפיע רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א און הגה"צ המשפיע רבי שלמה משה קרעמער שליט"א.

מיר פרעגן דעם ראש ישיבה פארוואס ער האט מחליט געווען צו נעמען דעם וואנדער שטעקן און ארויסגיין פון אר"י.

"עס איז געווען אין יאר תשט"ו, ווען איך האב געמוזט פארלאזן אר"י צוליב צרכי רפואה פאר איינע פון די

קינדער. דעמאלטס האט מיר ידידי הגאון הרב (יצחק דוב) קאפעלמאן (זצ"ל) אנגעטראגן צו קומען קיין 'קאפעלן' אין בעלגיע איהם צו העלפן מיט די ישיבה. מיר האבן טאקע אינאיינעם געפירט די ישיבה א שטיק צייט, און נאכדעם וואס מיר האבן איינגעזעהן אז בעלגיע איז נישט געאייגענט פאר אונז, איז ער געפארן קיין לוצערן און איך בין געקומען קיין לאנדאן.

"מיר זענען דאן אין יאר תשט"ז געקומען מיט עטליכע תלמידים, צווישן זיי איז געוועזן ר' אפרים, (הגאון ר' אפרים לאנדא זצ"ל בעמח"ס שו"ת שבט אפרים ומו"ץ התאקה"ח וישיבה הרמה) וואס איז שוין דאן גערעכנט געווארן אלס גאר א גרויסער מתמיד, א זאך וואס ער האט ממשיך געווען זיין גאנץ לעבן. ער איז געווען א געוואלדיגער שקדן. פופציג יאר האב איך איהם געזעהן ביי די גמרא.

"לאנדאן איז דעמאלט געווען א מדבר שממה אין עולם הישיבות, און מיר האבן זיך ארייגעווארפן אהערצושטעלן א ישיבה אזוי ווי אינדערהיים. אסאך האבן דעמאלטס געלאכט פון אונז, אפי' גאר גרויסע האבן אונז פאראויס געזאגט אז מיר גייען נישט מצליח זיין, אבער אז מ'גייט מיט'ן אמת קומט מען אן.

• אלס וואס האט מען א נאמען געגעבן פאר די ישיבה 'ישיבה הרמה'?

"דענמאלט ווען מיר זענען געקומען קיין לאנדאן, האבן אונז אפגעווארט צוויי גאר געטרייע און גוטע פריינד נאך פון נייטרא, דאס זענען געווען ר' חיים גרינהויט מיט ר' משה שמואל פריעדמאן, וואס האבן געהאלפן אויפצושטעלן די ישיבה.

"דא אין לאנדאן איז אויך געווען דער בארימטער הרב שלמה שעהנפעלד זצ"ל וואס האט אסאך געטוהן פאר הצלת נפשות. ער איז געווען א נייטרא'ער תלמיד, נאך איידער מיינע צייטן, אבער איך געדענק איהם פון די צייטן וואס ער איז שפעטער געקומען קיין נייטרא. ער איז געקומען זאגן אז ער וועט אונטערשטיצן די ישיבה, און געבעטן מ'זאל עס רופן מיט די זעלבע נאמען ווי די ישיבה אין נייטרא וואס האט געהייסן 'ישיבה הרמה' אזוי ווי רוב אונגערישע ישיבות אין יענע צייט.

"דער ר' שלמה איז געווען זייער אינטערעסאנט. ער איז געווען גאר א געלונגענער בחור און א גרויסער תלמיד חכם, ער האט אבער געהאט א הארץ פון עסקנות און געוואלט העלפן אידן. ווען ער איז געווען אויף שידוכים האט מען איהם אנגעטראגן פארשידענע הצעות אבער ער האט אויסגעקליבן צו ווערן אן איידעם ביים ענגלישן הויפט רב הרב הערץ וויסנדיג אז זיין שווער'ס פאזיציע וועט איהם בייקומען צו העלפן אנדערע אידן, א זאך וואס ער האט גוט אויסגענוצט פאר



ביי א לעצטיגע שמחת בית השואבה ארום געגומען מיט קינדער און תלמידים, ווערט געזעהן זיין געטרייע גבאי הרה"ח ר' יואל אדרי שליט"א



מציץ מן החרכים - א שיין בילד פון דער ראש ישיבה זצ"ל אין א שמועס מיט בנו הרה"ג ר' יצחק שליט"א ראש כולל ישיבה הרמה



רגלי מוליכות אותי - אויפן וועג אריין צו היכל הישיבה באגלייט דורך זיין געטרייע איניקל הרה"ג ר' דוד שליט"א

זיינע אידישע ברודער אין די צייט פון די צווייטע וועלט מלחמה ווען ער האט בס"ד באוויזן צו ראטעווען טויזנטער אידן.

"איך געדענק אן אינטערעסאנטע מעשה ווען ר' שלמה איז געקומען קיין נייטרא און איך בין דאן געווען א בחור אין ישיבה. ר' שלמה האט געזאגט דעמאלטס א דרשה אינעם שטאטישן שוהל, און דער רבי (הגה"ק מנייטרא זצ"ל) האט מיך געהייסן אינאיינעם מיט א גרופע פון די בחורים אין ישיבה גיין צו די דרשה. מיר האבן זיך זייער געווינדערט וואס עפעס הייסט דער רבי גיין צו זיין דרשה. 'כלל ישראל' ווערט נאך דארפן צוקומען צו איהם' האט אונז דער רבי דאן געזאגט. דאס איז געווען ממש ווי א מופת.."

## • וואו האט מען געהאט א פלאץ פאר די ישיבה?

"צום ערשט ווען מיר זענען געקומען האבן אונז די גוטע פריינד פארשאפט א מקום אין די מוסדות פון הרב קעניג-סופר אויף עמהרסט פארק וואו מיר האבן זיך אויפגעהאלטן א שטיק צייט.

"שפעטער ווען מיר זענען אויסגעוואקסן דאס פלאץ צוליב ריבוי התלמידים האט מען מחליט געווען אז מ'דארף קויפן א בנין. עס איז דעמאלטס אונטער געקומען די בנין פון די ביהמ"ד פון עדת ישראל אויף גרין לעינ'ס, און מיר האבן דאס געוואלט אפקויפן אבער 'כסף מנלן' קיין געלט האבן מיר נישט פארמאגט.

"מיר האבן געהאט דעמאלטס הילף פון עטליכע נדיבי עם. ביי מיר אין שטוב איז דאן געווען אן אסיפה פאררופן דורך איינער פון די גרויסע עסקנים פאר די ישיבה ר' דוב דייטש, ביי די אסיפה האבן אנטייל גענומען עטליכע גרויסע עשירים פון דא אין לאנדאן.

"ווען מיר האבן פארגעלייגט פאר זיי די ענין פון האבן א ישיבה און מגדל זיין א דור פון תלמידי חכמים, האבן זיי זיך גארווארעם אנגערופן. די ערשטע האט ר' געציל (הרבני הנגיד ר' געציל בערגער ע"ה) זיך אנגערופן מיט א גרויסע סכום. אויטאמאטיש האט שוין קיינער נישט געוואלט ארויסגיין פארשעמט, און יעדער האט געגעבן דעמאלטס גרויסע סכומים וואס מיט דעם האט מען געקויפט און איבערגעמאכט דעם בנין אויף גרין לעינס.

"דעמאלטס האט מען אויך אויפגענומען אלס מגידי שיעור אין די ישיבה ר' טובי' ווייס (כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים שליט"א) און ר' משה שלאס (וואס כידוע איז ער געווען א צדיק נשגב און א גרויסער בעל מוסר, מ'פלעגט איהם רופן דער קליינער חפץ חיים). מיר האבן זיי אריבערגעברענגט פון כולל געיטסהעד צו קומען אין די ישיבה."

## • צדיק זה בא לבית מלוני. ווען האט מען זיך אריינגעצויגן אין געגנט?

"ווען די געגענט אין גרין לעינס האט זיך צוביסלעך אויסגעלערט פון אידן און די שקצים האבן זיך דארט באזעצט איז געווארן שווערער און שווערער פאר די ישיבה דארט צו בלייבן. זיי פלעגן זיך זייער טשעפענען מיט די ישיבה. עס איז אפי' געווען א שטיק צייט וואס פאליצייי האט געדארפט זיין די גאנצע טאג אינדרויסן פון די ישיבה אכטונג צו געבן פון די שקצים.

"דעמאלטס איז אונטער געקומען די בנין אין פעררהאלט. דאס האט לכתחילה באלאנגט פאר גאר א חשוב'ער איד הרב לאס, א גרויסער אוהב תורה געווען, וואס האט געלאזט צוואה פאר די קינדער זיי' זאלן דאס פארקויפן פאר א מקום תורה. די קינדער וועלנדיג מקיים זיין דעם טאטנ'ס צוואה, האבן דאס איז פארקויפט פאר גאר ביליג און זינט דאן זענען מיר דארט.

"פארשטייט זיך אז מיט די יאר'ן האבן מיר זיך פארברייטערט מער און מער און צוגעקויפט נאך שטחים צוליב א פארמערונג אין די תלמידים.

## • אויב מ'מעג פרעגן. וואס איז די מהלך פון ישיבה הרמה?

"עס איז א מיזוג. א צאמשטעל פון די אונגערישע ישיבות מיט די ליטווישע ישיבות. די שטרענגקייט אין די סדרים זענען אזוי ווי אין די בארימטע אונגערישע ישיבות און די דרך הלימוד איז ווי אין די ליטא. די יראת שמים איז פוןביידע.."

## • ווען האט מען איפגעשטעלט די כולל?

"איינמאל די תלמידים זענען אונטערגעוואקסן און חתונה געהאט האט מען פאר זיי געעפנט דעם 'כולל' דאס איז געווען די ערשטע כולל דא אין שטאט. מיר האבן געוואלט די אינגעלייט זאלן בלייבן 'ישיבה לייט' זייער גאנץ לעבן."

## • האט מען טאקע מצליח געווען מיט דעם?

"עס איז נישט געווען לייכט, אבער מיר האבן דאס בסייעתא דשמיא דורכגעבראכן. די ישיבה האט געהאט גאר א שטארקע השפעה און די סביבה האט אנגעהויבן צו ווערן תורה'דיג.

"פיל מאל האבן מיר זיך געדארפט

ממש 'שלאגן' מיט עלטערן וואס האבן געוואלט ארויסנעמען זייערע קינדער מבין כותלי בית המדרש און שיקן ארבעטן, אבער נאך ווען מיר האבן זיי געגעבן צו פארשטיין די גרויסקייט פון ממית עצמו באהלה של תורה האבן זיי געלאזט די קינדער בלייבן ביי די גמרא, און היינט זענען זיי תלמידי חכמים מפורסמים.

- מיר וואגן זיך צו פרעגן איביג דער ראש ישיבה קען אונז געבן צו פארשטיין וואס איז די 'סוד' פון ישיבה הרמה? וויאזוי האט מען אזוי שטארק מצליח געווען צו האלטן ישיבה לייט אזויפיל יאר'ן?

"מ'האט זיי געזאגט דעם אמת! מ'האט געגעבן צו שפירן אז די תורה איז זיס. כל חפציה לא ישוו בה."

- אבער יעדער טוהט דאס און פארט איז נישט יעדער ממש מצליח. וואס איז דאך דער 'סוד' וואס ליגט דא באהאלטן?

"איך וויים נישט. אפשר פרעג די תלמידים..."

"די עיקר איז מ'דארף עס מיינען אמת'דיג. אז מ'מיינט עס אמת'דיג איז מען מצליח."

# אשר נתן לנו תורת אמ"ת מיט'ן אמת קומט מען אייביג אן

אט די נקודת האמת וואס באגלייט דעם ראש ישיבה שליט"א די אלע יאר'ן און ווערט דורך איהם באצייכנט אלס די 'סוד' ההצלחה וויאזוי מ'קען מאכן די תלמידים זיצן און לערנען פאר אזויפיל יאר'ן, איז נישט נאר ווען עס קומט צו די הנהגת הישיבה והכולל, נאר די גאנצע הנהגה אין אלע הינזיכטן שרייט ארויס איין נקודה. 'גיין מיט'ן אמת!'.

"דאס האב איך געזעהן ביי מיין טאטן, און דאס האב איך מקבל געווען פון מיינע רבי'ס. נאר מיט'ן אמת איז מען מצליח" זאגט דער ראש ישיבה די נקודה וואס איז זיין גאנצע וועזן.

די זעלבע איז אויך די אלע יאר'ן וואס דער ראש ישיבה שטייט אין שפיץ פון די באַרימטע ארגאניזאציע 'וועד להצלת בתי עלמין באייראפע' וואס האט שוין געראטעוועט טויזנטער קברי ישראל פון ווערן פארשוועכט רח"ל. "מיר זענען געגאנגען צו די פארשידענע רעגירונגען און מיר האבן זיי געגעבן צו פארשטיין אז די קברים טאר מען נישט טשעפענען. מיר האבן נישט געמאכט קיין דריידלעך, נישט געזוכט קיין פשרות, מיר זענען געגאנגען מיט'ן אמת און אזוי מצליח געווען.

אזוי איז אויך געווען ווען עס איז עטליכע מאל אויפגעשטאנען גזירות אויפן יהדות החרדית דאה"י אין ענגלאנד, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעשטעלט מיט זיין נקודת האמת און בעז"ה מצליח געווען אין אלע הינזיכטן.

אן אינטערעסאנטער עפיזאד טיילט דער ראש ישיבה שליט"א מיט, וואס צייגט וויאזוי מיט'ן גראדן וועג איז מען אייביג מצליח.

"עס איז געווען מיט אסאך יאר'ן צוריק ווען עס האט זיך אנגעהויבן קאכן איבער א געוויסע גזירה אויף די אידישע שחיטה. עס איז געווען איין מיניסטער וואס האט שטארק געשטופט די גזירה און יעדער האט זיך פאר איהם געשראקן. יעדער האט געזאגט אז מ'זאל טוהן אזוי, מ'זאל מאכן אהער אדער אהין. אבער איך האב געטענה'ט מ'דארף גיין און רעדן גראד. נאר אזוי וועט מען קענען אויפטוהן.

"איך בין דעמאלטס אריבער מיט ר' חנה (להבחל"ח הגה"צ רבי אלחנן האלפערין זצ"ל) צום מיניסטער פון וועמען יעדער האט אזוי געציטערט, און אנגעהויבן צו רעדן צו איהם אז מ'טאר דאס נישט טוהן און די בהמות וועלן ווערן טרייף וכו' וכו'.

"ווייניגער ווי דריי מינוט פון ווען מיר האבן אנגעהויבן צו רעדן, האט דער מיניסטער זיך געגעבן א רוף אן 'אי' עם סאררי', אי' עם סאררי', און האט אראפגענומען די גזירה...

# על משמר החינוך שטיין שטארק זיך נישט צו לאזן

מ'קען נישט זיין ביים ראש ישיבה אן ארויפברענגען דעם ברענעדיגן נושא וואס פלאגט ליידער דאס יהדות החרדית דאה"י אין ענגלאנד די לעצטערע יאר'ן דאס איז די נושא פון די גזירות החינוך.

דער ראש ישיבה שליט"א מיט זיין הייליגע הארץ קען נישט זיין רואיג ווען אונטער די פוס ברענט א פייער אז די גוים ווילן חלילה איינפירן לימודי כפירה ותועבה איינערהאלב די מוסדות און ישיבות ה"י.

עס איז פאר יעדן באקאנט ווי דער

ראש ישיבה שליט"א האט זיך מטריח געווען בטלטולא דגברא רבה און אליינס אראפגעפארן צום ענגלישן פארלאמענט און זיך געטראפן מיט'ן מיניסטער פון די שולעס צו פועל'ן לביטול רוע הגזירות די דעמאלטסדיגע באזוך האט אפגעהילכט מיט א קידוש ה' מסוף העולם ועד סופו.

מיר פרעגן דעם ראש ישיבה שליט"א וואס ער קען אנצייגן איבער די עתיד פון די חינוך הטהור אין שטאט?

"ווי געזאגט, מ'דארף גיין מיט אן אמת! מ'דארף קלאר זאגן אז מיר האלטן זיך פעסט און מיר וועלן נישט ארייכלאזן קיין שינויים אין די מוסדות.

"מ'טאר נישט זיין גרייט אויף קיין שום פשרות! נאר מיט די הייליגע מסורה וועט מען ווייטער מצליח זיין.

"די מוסדות און ישיבות זענען אונזער עתיד און מיר קענען נישט גרייט זיין אז מען זאל זיי חלילה טשעפענען."

- מיר באדאנקען זיך פאר'ן גרויסן ראש ישיבה שליט"א פאר'ן אראפגעבן פון זיין טייערן צייט און מיר וואונטשן איהם א ברכת הדיוט, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים לאורך ימים ושנים, און בקרוב זאלן מיר זוכה זיין צו מקבל זיין פני משיח צדקנו אמן.



דער ראש ישיבה ביי זיין תנאים




דער ראש ישיבה זצ"ל צוזמען מיט כ"ק גאב"ד ירושלים זצ"ל ביים ווארטן אויפן באן פון הרה"ק מסאטמאר זצ"ל



ביים שרייבן אן אות אין א ספר תורה

## עפילאג

ליידער איז ערבה כל שמחה, און אונזער גרויסע האפענונג אז זיו הדרו פון אט דעם גדול בישראל, וועט באשיינען כלל ישראל'ס אויבן-אן ביז משיח'ס טאג, איז ליידער נישט פארווירקליכט געווארן, ווען בעוונותינו הרבים איז נשבה ארון האלוקים, און דער גרויסער ראש ישיבה איז נתבקש געווארן לישיבה של מעלה. הוא הלך למנוחות ואותנו עזב לאנחות.

עס איז צום האפן אז מה כאן עמד ומשמש אף שם עומד ומשמש, און זיין זכות וועט אונז ווייטער באגלייטן ווען ער וועט דינען ווי א מליץ יושר פאר בניו הרבנים הגאונים שליט"א ממשיכי דרכו הטהורה, און פאר די גאנצע שטאט און פאר גאנץ כלל ישראל, ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה און תחיית המתים בביאת משיח צדקנו בב"א. ▪

# ישיבת הרמה והכולל לונדון יצ"ו

# בכה מאור הגולה

## ניצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקודש

נמס כל לב ורפו כל ידים, עם עלות השמימה שר צבא ד', פאר הדור והדרו, עמוד הימיני, פטיש החזק, עמוד האש ההולך לפני המחנה, לוחם מלחמת ה', זקן ויושב בישיבה, סיני ועוקר הרים, שריד לדור דעה, משיירי כנסת הגדולה, משחר טל ילדותו המית עצמו באהלה של תורה ללמוד וללמד בהתמדה נפלאה מתוך יגיעה ועמלה בכל עת, והעמיד תלמידים הרבה למעלה משמונים שנה מהם תלמידי חכמים מובהקים ומרביצי תורה בכל קצוי תבל, הלהיב לבות התלמידים בשיחותיו המופלאות לאהבת התורה ויראת"ש והשקפה הטהורה על יסודות התורה והמסורה בדרך ישראל סבא, מסר נפשו על כל קוצו של יו"ד בזהירות יתירה, ממעתיקי השמועה של רבותיו הגדולים מדור הקודם, קיבל תורתו והשקפתו מאת הגה"ק מנייטרא, מהרי"ץ דושינסקיא מרא דארעא דישראל, מרן החזון איש ומרן הגרי"ז זצוק"ל נבג"מ ועוד, זכה לקרבה יתירה מהגה"ק מסאטמאר זצוק"ל ועוד, כארי יתנשא ללחום מלחמתה של תורה נגד מרשיעי ברית ה' בעד חינוך הטהור וגדר גדר לשמור גחלת בית ישראל שלא תכבה, עמד כחומה בצורה נגד מחבלי כרם בית ד' עד יומו האחרון, פעל גדולות ונצורות במסירות נפש ובדם לבבו להצלת קברי ישראל רבות בשנים

## עטרת ראשנו מרן ראש הישיבה

## הגאון הגדול רבי

# אליקים שלעזינגער

## זצוקללה"ה

## מחבר ספרי בית אב

בן רבי **דוד** זצ"ל

אשר נשמתו הטהורה עלתה בסערה השמימה באשמורת הבוקר יום רביעי
פרשת יתרו י"ז שבט תשפ"ו לדאבון לב כל בית ישראל
הלויתו התקיימה אור ליום חמישי ונטמן בבית החיים ענפילד

**תורה תורה חגרי שק והתפלשי באפרים על אבדן חבל השלשלת מדור הקודם יותר ממאה שנים, על תופשי משוטיך ופורשי מכמורים, מי יחמול עליך ומי ילחום מלחמתך ומי ישדד מעמקיך וחתו אכרים, כלי מלחמתה אבדו ונפלו גבורים שבת משוש לבנו נהפך לאבל מחולנו, על ספר תורה שנשרף וגוילי' פורחות באויר**

**וכל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף ה'**     **אוי לה לספינה שאבדה קברניטה**

**רבנן ותלמידיהון**

gilyoines.com

# יארצייטן פון די קומענדיגע וואך

## שב"ק פרשת יתרו - כ' שבט

רבי **חיים דוד** דאקטער מפיעטרקאוו בן רבי **ישכר בער** זי"ע, תרי"ח, ומנו"כ בפיעטרקאוו

רבי **יחיאל** בן רבי **אהרן אריה** (לייפער) מטעמעשוואר ירושלים זי"ע, תשע"א, ומנו"כ בהה"מ

## יום א' - כ"א שבט

רבי **יצחק** בן רבי **מרדכי** מנעשכיז זי"ע, תרכ"ח, ומנו"כ בנעשכיז

רבי **יעקב יצחק אלחנן** בן רבי **ירחמיאל** מפרשיסחא זי"ע, תרל"ג, ומנו"כ בפרשיסחא

רבי **יחיאל מאיר** מגאסטאנין בן רבי **יעקב צבי** זי"ע, תרמ"ח, ומנו"כ בגאסטאנין

רבי **יצחק לייביש** (טויב) מחאטין בן רבי **משה חיים** מקאלוב זי"ע

רבי **יעקב** מהורמילוב 'כוכב מיעקב' בן רבי **אלעזר** זי"ע, תרנ"ד

רבי **פנחס יהודה לייב** בן רבי **יצחק גדליה** (שפירא) מסלאוויטא זי"ע, תרס"ח, ומנו"כ בסלאוויטא

רבי **ישראל** (ליבערזאהן) מקאלאמייא בן רבי **משה חיים אפרים** מפראסקאב זי"ע, תרע"א, ומנו"כ בקאלאמייא

רבי **יחיאל מיכל** (גאלדשלאג) משעפס בן רבי **אברהם** זי"ע, תלמיד השרף מקאצק, תרע"ח

רבי **יחיאל מיכל** (שלאגער) אבד"ק בוקשעוויץ בן רבי **אברהם** זי"ע, תשי"ז

רבי **יחיאל יהושע** בן רבי **ירחמיאל צבי** (ראבינאוויטש) בעל 'חלקת יהושע' מביאלא זי"ע, תשמ"ב, ומנו"כ בהה"ז

רבי **יהושע העשיל** בן רבי **מרדכי דוד** (ברים) מירושלים זי"ע, תשמ"ו, ומנו"כ בהה"ז

רבי **יהודה זאב** (סג"ל) בן רבי **משה יצחק הלוי** ראש ישיבת מאנטשעסטער זי"ע, תשנ"ג, ומנו"כ במאנטשעסטער

## יום ב' - כ"ב שבט

רבי **מנחם מענדל** מקאצק בן רבי **יהודה אריה לייבוש** זי"ע, תרי"ט, ומנו"כ בקאצק

רבי **יהודה לייב** (אייגער) מלובלין בן רבי **שלמה** בעל 'תורת אמת' זי"ע, תרמ"ח, ומנו"כ בלובלין

## יום ג' - כ"ג שבט

רבי **יהושע** בן רבי **שלום** (רוקח) מבעלזא זי"ע, תרנ"ד, ומנו"כ בבעלזא

רבי **משה** בן רבי **מאיר** (קליערס) אב"ד טבריא בעל 'תורת הארץ' זי"ע, תרצ"ד, ומנו"כ בטבריא

רבי **מרדכי זוסיא** בן רבי **חיים מנחם אברהם** (טווערסקי) מטריסק לאנדאן זי"ע, תשע"ה, **ומנו"כ בלאנדאן**

## יום ד' - כ"ד שבט

רבי **שמואל** בן רבי **יצחק דוב** (מרגליות) מזעליטשיק זי"ע, תקס"ה, ומנו"כ ביאזלאוויטש

רבי **צבי** (גוטמאכער) אבד"ק פעלשטיין בן רבי **אליהו** מגריידיץ בעל 'קן מפורשת' זי"ע, תרל"א

רבי **חיים צבי** בן רבי **אברהם** (אייזנבאך) מירושלים זי"ע, תשכ"ז, ומנו"כ בהה"ז

רבי **אלכסנדר חיים** בן רבי **יצחק** (אשכנזי) מסטאניסלאוו זי"ע, תשל"ד, ומנו"כ בהה"ז

## יום ה' - כ"ה שבט

רבי **דוד** ממיקאלאיעוו זי"ע, תק"ס, ומנו"כ במיקאלאיעוו

רבי **מאיר** בן רבי **יהודה לייב** פוזנער, בעל בית מאיר, תקס"ז

רבי **ישראל** ליפקין מסאלאנט בן רבי **זאב** זי"ע, בעל אור ישראל תרמ"ג

רבי **יוסף דוד** בן רבי **שלמה** (מייער) מסאסוב זי"ע, תר"נ, ומנו"כ בסאסוב

רבי **אברהם יהושע העשיל** (מרבינו) מבארדיטשוב בן רבי **שמואל** מקאמינקא זי"ע, תרס"ט, ומנו"כ בבארדיטשוב

רבי **מרדכי** בן רבי **אליהו** פאגרעמאנסקי זי"ע, תש"י, ומנו"כ בבני ברק

סגולה גדולה ונפלאה
מאת מופת הדור
הגה"ק מטשעשענגער זי"ע
לומר בכל יום
שני מזמורי תהלים
קאפיטל פ' ואח"כ קאפיטל ע"ב
להצלחה ולשמירה ולכל"ט
נתפרסם לזכות אליעזר בן זלאטא לזיווג הגון





## ער"ש - כ"ו שבט

רבינו **דוד הלוי** בן רבי **שמואל** בעל 'טורי זהב' זי"ע, תכ"ז, ומנו"כ בלבוב

רבי **חיים יעקב יחיאל** בן רבי **נפתלי נתן נטע הירש** (דאמיניץ) מניישטאט זי"ע, תרמ"ד, ומנו"כ בניישטאט

רבי **נתן נטע דוב** (ליפשיץ) מוויעליפאלי בן רבי **אהרן זעליג** זי"ע, תרע"ה, ומנו"כ בווישניצא

רבי **מרדכי יוסף אלעזר** בן רבי **גרשון חנוך העניך** (ליינער) מראדזין זי"ע, תרפ"ט, ומנו"כ בווארשא

רבי **שאול** בן רבי **אלעזר** (בראך) מקאשוי זי"ע, ת"ש, ומנו"כ בקאשוי

רבי **שלמה** בן רבי **יוסף** (בוימגארטן) זי"ע, תשד"מ, אב"ד קהל תורה עץ חיים ודומ"ץ התאקה"ח לאנדאן, ומנו"כ בענפילד

רבי **יעקב** בן רבי **משה יהודה ליב** (לאנדא) אב"ד בני ברק זי"ע, תשמ"ו, ומנו"כ בהה"ז

## שב"ק פרשת משפטים - כ"ז שבט

רבי **אלכסנדר סענדר** בן רבי **אפרים זלמן** (שור) מזאלקאווא בעל 'תבואות שור' ו'שמלה חדשה' זי"ע, תצ"ז ומנו"כ בזאלקאווא

רבי **אלעזר** בן רבי **אריה לייב** (לעוו) אבד"ק סאנטוב זי"ע בעל 'שמן רוקח' ושא"ס, תקצ"ז, ומנו"כ בסאנטוב

רבי **עמנואל** בן רבי **ישעיהו** (וועלטפרייד) מפשעדבארז זי"ע, תרכ"ה, ומנו"כ בווארשא

רבי **מנחם נחום** בן רבי **אהרן** (טווערסקי) מטשערנאביל זי"ע, תרל"א, ומנו"כ בטשערנאביל

רבי **יעקב** בן ר' **ארי'** (בלומענסאן) מווידאמא זי"ע, תרמ"ו

רבי **אברהם יהושע העשיל** (ליינער) מחעלם בן רבי **יעקב** מאיזביצא זי"ע, תר"פ, ומנו"כ בחעלם

רבי **אהרן יוסף** בן רבי **צבי הירש** (לוריא) מטבריא זי"ע, תשכ"ט, ומנו"כ בטבריא ש

gilyoines.com



# BONUS

געווינט אייער אייגענע
גאנצע יערליכע
**COUNCIL TAX BILL**

גורל בלויז פאר אלע וואס
קויפן די ראפעל פאר
**£250**

גורל: ה' משפטים הבעל"ט

| x5 | x3 | x1 |
|---|---|---|
| £250 | £180 | £100 |
| + באונעס גורל | | |

Sponsored by:

SDLT SERVICES

24 Hour Automated Line
**020.8264.9747**

gilyoines.com

הרחבה
#3 פראפערטי 'אינוועסטמענט' ראפעל
כולל יטב לב דסאטמאר

# געציילטע טעג צום גורל!

א גרייטע אינוועסטמענט!

# הרחבה
# ארץ עתיד!

**£160,000** | 2 בעדרום הויז // מאנטשעסטער געגנט

**£12,000** | יערליכע רענט ס'איז דא א מארגעדזש אויפן הויז

gilyoines.com

בס"ד

# הרחבה

#3 פראפערטי 'אינוועסטמענט' ראפעל

כולל ישב לב דסאטמאר

# יום הגור

# דאנע

**BONUS**

געווינט אייער אייגענע גאנצע יערליכע

**COUNCIL TAX BILL**

גורל בלויז פאר אלע וואס קויפן די ראפעל פאר

**£250**

גורל: ה' משפטים הבעל"ט

| x5 | x3 | x1 |
| --- | --- | --- |
| £250 | £180 | £100 |
| + באונעס גורל | | |

24 Hour Automated Line

**020.8264.9747**

Sponsored by:

SDLT SERVICES

gilyoines.com




gilyoines.com

י. ק. קענעווי אײלענד

# דיני קדימה בברכות

**אזוי ווי כלל ישראל האט עוסק געווען די וואך אין דיני קדימה בפירות לכבוד ט"ו בשבט, מאכן מיר א קורצע הפסקה פון די סדר פון ל"ט מלאכות, און מיר ברענגען א חזרה איבער דיני קדימה בברכות אין א צורה פון מעשיות. [היות די הלכות זענען פארבינדען מיט אסאך אופנים און אסאך שיטות, זאל מען נישט צושטעלן אנדערע פעלער אן נאכקוקן ריכטיג די הלכה.]**

### א גלעזל בראנפן פאר די חמשה עשר סעודה

שוין וואכן לאנג רעדט מען פון דעם גרויסן סיום אויף מסכת סוכה וואס בנימין גייט פראווען. נאך א גאנצע שקלא וטריא איז געבליבן אז מ'גייט עס פראווען חמשה עשר בשבט, צוזאמען מיט די פירות סעודה.

רבות מחשבות בלב איש, ווען בנימין איז אהיימגעקומען פון ישיבה די נאכט פון חמשה עשר, איז ער געוואויר געווארן אז זיין טאטע וועט נישט קענען מיטהאלטן די סעודה; ער איז געווען אינדרויסן פון שטאט און עס איז דא שווערע טרעפיק.

כל מה דעביד רחמנא לטב עביד. בנימין האט שוין געענדיגט די מסכת, אפשטופן קען ער נישט, פראוועט מען דעם סיום מיט די איבעריגע בני המשפחה.

פארן טאטן איז עס געווען א היבשע עגמת נפש, ער האט אזוי אויסגעווארט אויף דעם גרויסן סיום פון זיין נחת'ל.

ווען מ'האט שוין געהאלטן נאך אלעם איז דער טאטע ב"ה ענדליך אריינגעקומען אין שטוב. בנימין איז שוין געווען מיט זיין מאנטל גרייט צוריקצוגיין אין ישיבה. דער טאטע האט זיך געפריידט אז ער האט אים נאך געכאפט אינדערהיים. "נו בנימין," זאגט ער. "לאמיר כאטשיג מאכן א לחיים אויף א גלעזל בראנפן, און זיך ווינטשן אז מ'זאל זוכה זיין צו נאך אסאך סיומים געזונטערהייט."

בנימין געבט א בליק אויף די אנגעגרייטע פירות טיש פון חמשה עשר, און ער פרעגט אײדל: "טאטי, נישט אזוי האסטו מיר געלערנט אז מ'טאר נישט מאכן קיין שהכל פאר מ'מאכט העץ (סימן רי"א ס"ג), עס איז דאך דא הלכות קדימה ביי ברכות" (עיין ב"י סימן רי"א ד"ה ומ"ש רבינו בשם ה"ר פרץ).

"אוי," כאפט זיך דער טאטע ביים קאפ. "פון גרויס יאגעניש האב איך אינגאנצן פארגעסן, אוודאי! בורא פרי העץ קומט דאך פאר שהכל (א). באמת האב איך אן עצה צו מאכן קודם העץ, אבער איך וויל דאך נישט מאכן העץ אזוי אײלנדיג. כ'וויל דאך מאכן א שטיקל הכנה צו דער בורא פרי העץ פון חמשה עשר."

א איד געבט זיך אן עצה, מ'האט שנעל אריינגעברענגט אביסל גרעיפדזשוס, און טאטע און זון האבן זיך געווינטשן לחיים ולברכה אויף א גלעזל מאסט; בורא פרי הגפן קומט דאך פאר העץ אפילו פון שבעת המינים (רמ"א שם ס"ד).

### א גלגל החוזר ביי דיני קדימה בברכות

יענקעלע גייט צו זיין זיידע אויף די חמשה עשר סעודה.

יענקעלע'ס זיידע איז א תלמיד חכם, א מדקדק בהלכה, און יענקל איז קעיה"ר א אינגל וואס כאפט אויף זאכן וואס אפילו גרויסע זעען נישט. יעדע מאל ווען ער איז ביים זיידן, ווערט ער געוואויר נייע חידושים.

"א גוטן יענקל!" באגריסט אים דער זיידע. "ביסט פונקט גוט אנגעקומען, זעץ זיך צום טיש, איך גיי יעצט מאכן די ברכה אויף די חמשה עשר פירות."

נאך א לענגערע שמועס וועגן די גרויסקייט פון די ברכה וואס מ'גייט יעצט מאכן צו געבן כח פון באשעפער פאר אלע פרוכט פון די קומענדיגע יאר, האט דער זיידע גענומען אין זיין האנט א טייטל מיט א ליטשי צוזאמען, און געמאכט די ברכה בורא פרי העץ מיט גרויס דביקות, און געגעסן פון ביידע צוזאמען..

יענקעלע קוקט מיט גרויסע אויגן. ער קען די הלכה, ער ווייסט

פארזעצונג אויף זייט 46

מקורות והערות

(א) אולי יש לדון בנד"ד, דכיון שהבחור ממהר לילך לישיבה נמצא דלאחר שיברך על הפירות שוב לא ישתה היי"ש כלל, ונמצא שאין כאן הנדון של קדימה, אלא הנדון הוא אם לקיימו או לבטלו.

בית יעקב
BEIS YAAKOV GIRLS SCHOOL - STAMFORD HILL

# ישמח משה במתנת חלקו

מיטב איחולי לבבינו, יגיעו מול מע"כ ידידינו, המסור בלב ונפש למענינו, הנני הנני אומר משה
שמו משבחים ומפארים, תומך בעין יפה וברוח נדיבה בסבר פנים, מי ימלל תוקף תהלות משה
הדר כבוד הודך, וכל דברי נפלאותיך, אשר פעלו ידיך, יעמוד לעד לזכותך, כל אשר עשה משה
בלב ונפש חפיצה ובמסירות נאמנה, עומד הכן למען מוסדותינו לכל היד החזקה אשר עשה משה
צדקה וחסד בתדירא, ביתו פתוח לרווחה נודע לשם ולתפארה, כשהשמחה במעונו נברך את משה
לילה ויום לא ישבות למענינו, ברו"ח ובגש"ם לטובת חינוך בנותינו, כנגד כל ישראל שקול משה
אשרי לו ולחלקו, על כל החסד והמעש שעושה ומעשה נברך לשמו, נחית כצאן עמך ביד משה
לך נודה ונשבח האיש מש"ה אשר הכל חפצים ביקרו, כשמו תהילתו והדרתו, שורה בצלא"ל

הרבני הנגיד הנכבד והמפואר, מוכתר בכל תואר

## מוה"ר משה בצלאל האלפערט שליט"א

העומד בראש הנהלת מוסדותינו הק'

ובהאי עידנא דחדוותא, נשגר כסא דברכתא, בהודאה ורבותא,

## קדם מעלת זוגתו החשובה תחי'

אשר השכילה עשות ופועלת נמרצות למען ייסוד וביסוס מוסדותינו המעטירה

לרגל השמחה שבמעונם, קול ששון בארמונם, ורוממות קל בגרונם,

## הולדת נכדתו שתחי'

אצל חתנו הר"ר **פנחס מנחם רייס** הי"ו

למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ויה"ר מקמי שמיא, שזכות פעולותיהם הברוכים להם יסייע, להתברך באושר ובעושר וברב תענוג ונחת, וזכות מעשיהם הכבידים תעמוד להם לראות דורות ישרים ונאמנים ממנה ומכל יוצאי חלציהם בבת אחת, ותזכו להמשיך בפעליכם הישרים מתוך תענוג והרחבת הדעת.

החותם בשמחה ובברכה, ברגשי הוקרה והערכה

**אלטר אלימלך שווארטץ**

**אב"ד דק"ק טשאבא סגן נשיא המוסדות**

בשם וועד הרוחני

ג"א מצטרף בברכה מעומק הלב

**משה אהרן דאסקאל**

בשם הנהלת המוסדות

gilyoines.com

## ותימרון חידושא

זייער גוט אז שבעת המינים קומט פאר אנדערע פרוכט פון העץ (שו"ע סימן רי"א ס"א), איז פארוואס האט דער זיידע גענומעןביידע אויפאמאל.

דער זיידע כאפט יענקעלע'ס וואונדער, און זאגט אים: "יענקל דו ווילסט אוודאי וויסן פארוואס איך האב נישט געמאכט די ברכה אויף די טייטל פון די שבעת המינים, נאר איך האב אויך גענומען די ליטשי."

"אוודאי," שמייכלט יענקל.

"וועל איך דיר מסביר זיין, אבער לייג צו קאפ ווייל עס איז א שטיקל חשבון...

קוק גוט אויפן טיש," זאגט אים דער זיידע. "וועסטו זען אז דא איז אויך דא געשמאקע בונדלעך, וואס באבי האט צוגעגרייט פאר נאכטמאל.

"עצט איז אזוי, די הלכה וואס דו קענסט אז שבעת המינים קומט פאר אלעס, דאס איז נאר ווען אלע פרוכט זענען בורא פרי העץ, אבער אויב עס איז דא בורא פרי העץ און בורא פרי האדמה, גייט מען ערשט צו די זאך וואס מ'האט מער ליב, און אויב מען האט מער ליב די האדמה, איז עס אפילו פאר די שבעת המינים (מג"א סו"ס רי"א, וכן נקטו האחרונים, עיין מ"ב סקי"ח).

"און וויבאלד איך האב מער ליב בונדלעך, וואלט איך געדארפט מאכן ערשט בורא פרי האדמה! דעריבער האב איך גענומען די בונדלעך אין די האנט, זיך גרייטנדיג צו מאכן א בורא פרי האדמה. אבער איך האב גלייך געכאפט אז איך שטיי אין א פראבלעם, ווייל וויבאלד איך האב מער ליב ליטשיס ווי בונדלעך, קומען די ליטשיס פאר די בונדלעך. ווייל ביי צוויי מיני ברכות גייט מען דאך נאך די מין וואס מ'האט מער ליב.

"האב איך גלייך גענומען די ליטשיס, כדי צו מאכן אויף איר העץ. אבער פלוצלינג כאפ איך, אז קעגן ליטשיס איז די טייטלען פריער, ווייל ווי כ'האב דיר געזאגט אז ווען ביידע זענען בורא פרי העץ קומט יא די שבעת המינים ערשט.

"בקיצור: איך האב מיר געטראפן אין א סירקל (גלגל החוזר). האב איך מחליט געווען צו נעמען ביידע אויפאמאל (עיין סימן קס"ח ס"א), ושלום על ישראל..." (עצה זו מבואר בשיח השדה ברכות ח"ג דמ"א.)

[עס זענען דא פוסקים וואס שרייבן אז אין דעם פאל זאל מען בעסער אראפנעמען איינע פון די מינים (אין דעם פאל איז בעסער די ארבעס, עיין דבריו ליעקב ח"ב עמוד שע"ג), און מאכן די ברכה אויף די טייטלען (עיין שע"ת סו"ס בשם בתי כהונה, ועיין ברכת הבית שי"ג סי"ב, תורת חיים סקי"ז, הוספת הקיצור שו"ע על דה"ח)]. ש

## חמרא טבא

### אז מען קען זיך שאקלען – איז א סימן אז עס פעלט נאך אין די יראה

**וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק.**

דער הייליגער צדיק רבי זושא פון אניפאלי האט אמאל געוואלט טועם זיין דער טעם פון יראה וואס די מלאכים האבן פאר השם יתברך.

האט ער מתפלל געווען צו השי"ת ער זאל אים אראפשיקן די יראה פון א מלאך. מן השמים האט מען נאכגעגעבן זיין בקשה און מען האט אים אראפגעשיקט א געוואלדיגע יראה. ווען ער האט באקומען די יראה איז עס געווען אזוי גרויס, אז ער האט זיך נישט געקענט רירן פון ארט.

ווען עס איז אוועק פון אים האט ער געזאגט אז פון היינט ווייסט ער, אז אויב ער קען זיך נאך א ריר געבן פון ארט איז א סימן אז זיין יראה איז נאכנישט בשלימות, ווי די יראה פון די מלאכים.

האט ער דערמיט געטייטשט – **וירא העם וינועו** – אז א איד זעהט אז אויך מיט די יראת שמים וואס ער האט קען ער זיך רירן און מתנועע זיין פון ארט איז א סימן – **ויעמדו מרחוק** - אז ער שטייט נאך ווייט און דארף נאך צוגיין א שטיק וועג, ביז ווען ער וועט דערגרייכן די העכסטע שטאפל פון יראה.

**[ייטב פנים מאמר אבני זכרון מבוא בס' תורת הרמ"ז פרשת יתרו]**

מתנות לאביונים

# עניי עירך

020 3137 8783

לאנדאן



בס"ד

ערש"ק יתרו תשפ"ד

ברכת מזלא טבא עלי גליון שגורה – בידידות ובאות הערכה רבה והוקרה
קדם האי גברא רבא ויקירא – דגריס באורייתא תדירא
ידיו רב לו בהרבות צדקות וחסדים – להיותו עושה ומעשה תורם ומתרים
מכתת רגליו על פתחי נדיבים – מהכא ומהתם להתרימם בסכומים אדירים

אחד הוא אברהם אשר לבו ער לכל צדקות וחסדים, למען אחינו בני ישראל בכל תפוצות תבל ברעותא דליבא
בית אברהם פתוח לרווחה לכל מאן דצריך, עזר וסיוע בתמיכה וכלכלה, ברוחניות וגשמיות לסייעו בטוב
ראשו ורובו של רבי אברהם עוסק בצרכי ציבור באמונה, בהשכל דעה ותבונה, לכל אחד פניו המסבירים מאיר
הוא הנכבד הוקם עול – חסד לאברהם אשר עומד בראש צדקת עניי עירך בימי הפורים למען המצפים לישועה
משכיל אל דל – מקיים בהידור ויוסף אברהם להיטיב לכל הנצרכים בכל לבו ונפשו, ללא הרף לילות כימים

## שר הצדקות והחסדים בעירנו

# הרב אברהם בר הורין שליט"א

מראשי עסקני עירנו
חבר הנהלת עניי עירך

## מזלא טבא וגדיא יאה

לרגל השמחה השורה במעונו

### בשמחת אירוסי בתו

הכלה המהוללה הצנועה והחסודה שתחי'
עב"ג החתן המופלג בתורה ירא"ש וחסידות עדיו לגדולות כמר **שלמה** נ"י
בן הרה"ח ר' **אברהם מאיר פריעד** שליט"א אב"י בעיר בני ברק

מי שהשכינה במעונו, ישפיע עליכם שמחה כראוי שתהא עידנא דחדותא בשיר ורנ[illegible]
זיכה ה' יעלה יפה, לאורך ימים ושנים, בבריאות איתנים, באושר וע[illegible]
להמשיך לתפארת מסורת בית אבות, בבנין עדי עד, יקימו בית נאמן בישראל
אושר ועושר, ושפע ברכה והצלחה ישפעו בביתכם, משמי שמיא
טוב וחסד חן ורחמים וכל מילי טבי, ישרה במעונכם בכלל ובפרט
בנים ובני בנים, לגדלם לתורה ויראה, שמים וחסידות, בסימן טוב ומזל טוב
אורך ימים ושנים לך ולבתך, מתוך שמחה וטוב לבב, ורוב נחת דקדושה בתורתא

## מברכים ומאחלים בידידות עוז

נתן בנימין בינדיגער, אליהו שמואל סופרין, יצחק מרדכי שטערן
שמואל אהרן מאטיאש, מרדכי הערש בינדיגער, בערל קארניאל
וועד העסקנים – קופת מתנות לאביונים לעניי עירך – לונדון

מצטרפים לכל הברכות
**גבאי הבתי מדרשות בלונדון**



gilyoines.com

הרב שלמה טייטלבוים
יו"ר מכון מחשבת החינוך

# וישמע יתרו // וואס האט ער געהערט?

פרשת יתרו איז ווארשיינליך די חשוב'סטע פרשה אין די תורה. פרשת בא און בשלח האבן מיר געהאט מורא'דיגע ניסים פון יציאת מצרים, אבער אלעס איז געווען א הכנה צו די גרעסטע זאך וואס גייט קומען: "קבלת התורה"! און דאס טרעפן מיר ביי אונז אין די פרשה.

אבער ס'איז דא עטליכע זאכן וואס מען דארף פארשטיין אין די פרשה. ערשטנס, פונקט די וויכטיגע פרשה האט באקומען א נאמען פון א גוי! און נישט סתם א גוי, נאר כהן מדין, דער גרעסטער עבודה זרה דינער פון גאנץ מדין, דער סימבאל פון עבודה זרה. וואלט מען נישט געקענט רופן די סדרה מיט א צווייטע נאמען? און אויב מ'וויל מכבד זיין יתרו, איז פונקט דא דער פלאץ? וואס מיינט דאס צו זאגן?

נאך שווערער, דער נאמען יתרו האט ער נאכנישט געהאט דעמאלט, דאס גייט ער ערשט באקומען ווען ער וועט צולייגן די פרשה פון "ואתה תחזה". און דער טיטל פון כהן מדין האט ער שוין נישט געהאט דעמאלט, דאס איז נאר געווען על שם העבר, ווייל ער האט דאך אפגעלאזט די עבודה זרה אין יענע צייט, דאס הייסט אז ס'איז קיינמאל נישט געווען דער צוזאמשטעל פון "יתרו כהן מדין", איז פארוואס שרייבט דאס די תורה דא אויף דעם וועג?

נאך מער, וואס איז דער לשון "וישמע יתרו", נאר יתרו האט דען געהערט? די גאנצע וועלט האט דאך געהערט און געשפירט די קריעת ים סוף; "שמעו עמים ירגזון חיל אחז יושבי פלשת".

***

דער עולם איז געזעצן ארום די רייך געדעקטע טיש, ס'איז געווען זייער שיין צוגעשטעלט אזוי ס'פאסט פאר א סיום הש"ס אין כולל. די יונגעלייט האבן געהארעוועט יארן לאנג אנצוקומען צו דעם מעמד פון ענדיגן ש"ס בעיון, נישט יעדער האט מיטגעהאלטן די גאנצע, אבער זייער אסאך פון זיי האבן געהאט רוב ש"ס ביי זיך אין קאפ און אין הארץ, דאס זענען געווען די 'ש"ס אידן' פון שטאט.

אזוי האט מען מיר גערופן אין יענע צייטן, איך בין געווען א ריכטיגער אמעריקאנער בוי, וואס האט געענדיגט די הייסקול ביי אונז אין פלארידע, א יונגער בוי וואס האט געהאט אסאך פלענער וויאזוי צו מאכן א קאריערע און פארדינען אסאך געלט

דער ראש הכולל האט אויפגעטרעטן מיט א שיינע דרשה און א פלפול ווי ס'פאסט פאר אזא כולל, און ווען ער האט מסיים האט ער אויסגערופן: "איך וויל דא ארויפרופן א חשוב'ער יונגערמאן וואס ענדיגט שוין די צווייטע מאל ש"ס בעיון גדול, און איך וויל אים בעטן ער זאל אונז געבן דברי חיזוק. איך מיין ס'איז דא אסאך וואס צו לערנען פון א יונגערמאן וואס האט נאכנישט פארפעלט קיין איין טאג די לעצטע פערצן יאר! וועל איך ארויפרופן דא רבי יעקב פערל שליט"א ער זאל אויפטרעטן מיט אפאר ווערטער."

פותחין בכבוד אכסניא – האט ר' יעקב אנגעהויבן זיינע ווערטער מיט א דאנק פארן ראש כולל. דערנאך איז ער גלייך אריבער צו א צווייטע ענין וואס האט אלעמען געלאזט מיט אן אפענע מויל.

איך וויל אייך דערציילן א מעשה איבער 'דזשעק'.

אזוי האט מען מיר גערופן אין יענע צייטן, איך בין געווען א ריכטיגער אמעריקאנער בוי, וואס האט געענדיגט די הייסקול ביי אונז אין פלארידע, א יונגער בוי וואס האט געהאט אסאך פלענער וויאזוי צו מאכן א קאריערע און פארדינען אסאך געלט.

אבער מיין טאטע האט געהאט פאר מיר אנדערע פלענער.

"גיי פאר א יאר צווי אין א ישיבה, לערן זיך אויס וואס הייסט אן ערליכער איד, און שפעטער קום צוריק צו ביזנעס, לפחות זאלסטו וויסן וויאזוי מ'פירט א אידישע שטוב," האט מיר מיין טאטע געזאגט.

"וואס וועל איך טון אין א ישיבה?" האב איך מיך גע'טענה'ט מיט מיין טאטן. "איך וויל דאך נישט זיין קיין רב."

"דו וועסט זען און פארשטיין וואס מיינט תורה, וואס מיינט א ישיבה, וואס הייסט א אידישע לעבן."

אזוי בין איך אומווילנדיג אנגעקומען ראש חודש אלול אין א ישיבה אין ירושלים.

איך האב געזען וואס הייסט א ישיבה.

ס'האט זיך אנגעהויבן מיט דעם וואס מיין מאטראץ איז געווען זייער דין, איך האב געבעטן נאך א קישן און ס'איז נישט געווען, שפעטער איז געווען די עסן וואס האט מיר נישט געפאלן, די קליינע שאפע וואו איך האב פרובירט אריין צו שטופן מיינע דריי רענצלעך קליידער און ס'איז נישט געגאנגען, און די גרויסע היצן וואס האבן מיך אזוי ווארעם אויפגענומען.

איך האב דאס נישט געקענט פארטראגן.

"טאטע!" האב איך געוויינט אויפן טעלעפאן. "נעם מיך צוריק אהיים, איך בין נישט געמאכט פאר א ישיבה, אויב דו ווילסט א זון א ישיבה בחור שיק א צווייטן קינד אהער, נישט מיר."

"האב אביסל געדולד, דו וועסט זיך צוגעוואוינען," האט מיר מיין טאטע פרובירט איבערצורעדן.

אבער איך האב נישט געוואלט פרובירן און נישט געוואלט הערן פון גארנישט.

מיין טאטע האט נישט געהאט קיין ברירה און מיר געקויפט א טיקעט אויף צוריק פאר א טאג נאך יום כיפור, און איך האב אנגעהויבן צו ציילן די טעג ביז איך פאר אהיים.

איך בין געזעצן ביי די שיעורים אן צו פארשטיין א ווארט, די גמרא איז געווען פאר מיר זייער פרעמד און די שפראך ארום און ארום האט זיך מיר געהערט ווי ווילדע קולות אן קיין משמעות. גאנצע סדרים בין איך געזעצן און גע'חלומ'ט איבער מיין שטוב און מיינע חברים וואס זענען יעצט אינמיטן א פעסטע פוטבאל געים, און נאר איך זיץ דא אזוי.

איך האב רחמנות געהאט אויף מיר, איך האב מיך די גאנצע צייט מסביר געווען פארוואס איך בין א רחמנות. איך האב מיך געטרייסט מיט איין זאך; מיט די טיקעט אהיים.

ערב יום כיפור ווען אלע בחורים זענען געווען באשעפטיגט מיט די הכנות צום הייליגן טאג, בין איך געווען באשעפטיגט מיטן איינפאקן מיינע רענצלעך, און ציילן די שעות ביז איך פלי ארויס פון דעם שווערן פלאץ.

צומארגנס מוצאי יום כיפור האב איך מיך געזעגנט פון די רבנים אין ישיבה, איך האב זיי געזאגט אז איך קום נישט צוריק, זיי האבן מיר זייער גוט פארשטאנען און זיי האבן אויך מסכים געווען אז דער פלאץ איז נישט פאר מיר.

די גאנצע משפחה האט מיר אפגעווארט אינדערהיים און מיר אויפגענומען מיט ווארעמקייט. איך האב מיך געפריידט צו טרעפן מיין שטוב, מיין צימער און מיין באקוועמע בעט. איך האב עס יעצט געוואוסט אסאך מער צו שעצן נאך אזא חודש אין ישיבה.

איך בין ארויס מיט מיין טאטע צו מעריב אין אונזער באקאנטע בית מדרש.

אויפן וועג אהיים פון מעריב שטעלט מיר אפ "אריק", אן אלטער איד א גרויסער גביר, ער איז געווען א שכן אריבער די גאס פון אונז. ער איז נישט געווען קיין היימישער איד, אבער ער פלעגט קומען יעדע נאכט צו מעריב, ארויסנעמענדיג א קליינע קאפעלע פון טאש לכבוד די דאווענען. דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס ער רעדט צו מיר.

"דו ביסט א ישיבה בחור?" האט ער מיר געפרעגט.

"איך בין געווען אין ישיבה, און יעצט קום איך צוריק," האב איך אים געענטפערט.

"איך בין אויך אמאל געווען אזוי," האט ער זיך צוקרעכצעט. "אמאל פאר די מלחמה בין איך געווען א ישיבה בחור, אבער שפעטער איז מיר גארנישט געבליבן אין די וועלט און אויך נישט די ישיבה. איך האב נישט געהאט קיין כח זיך צוריק צו כאפן, און איך האב אלעס אפגעלאזט..."

איך בין געשטאנען שאקירט. איך האב נישט געוואוסט אז ער קען בכלל רעדן, און וואס וויל ער יעצט פון מיר.

"ער האט זיך נאכאמאל צוקרעכצעט און געזאגט: "איך האב שפעטער חרטה געהאט, איך האב געוואלט צוריקגיין אין ישיבה און צו די תורה לעבן, אבער איך בין שוין געווען איינגעזינקען אין אן אנדערע וועלט, ס'איז מיר געווען זייער שווער."

אריק האט אויפגעהויבן זיין קאפ און מיר אריינגעקוקט אין די אויגן: "הער מיך צו טייערער בחור! ס'לוינט זיך צו משקיע זיין אין די סארט לעבן! לייג אריין דיינע כוחות צו זיין א ישיבה בחור!! געב נישט אויף, קוק מיר אן, אן אלטער מענטש מיט אסאך אסאך געלט און וואס? גארנישט. איך גיי פארלאזן די וועלט אן גארנישט, פוסט און ליידיג. לערן זיך אויס פון מיינע טעותים און מאך דאס נישט נאך!"

אין מיין הארץ האב איך מיך זייער אויפגערעגט אויף אים; וואס פארשטייט ער וואס איך בין אריבער, האט ער דען פרובירט צו זיצן א גאנצע חודש אין א ישיבה אן צו פארשטיין א ווארט לערנען, אן צו פארשטיין א ווארט פון די שפראך וואס זיי רעדן.

אבער איך האב אים גארנישט געזאגט. איך האב מיך שיין געזעגנט פון אים און אהיימגעגאנגען.

צומארגנס אינדערפרי האט מיר מיין טאטע אויפגעוועקט זייער פרי.

"לאז שלאפן טאטי," האב איך געבעטן. "ענדליך האב איך שוין א ווייכע נארמאלע בעט מוז איך אויפשטיין פרי?!"

"איך וואלט דיר געלאזט שלאפן, אבער דווקא היינט מוז מען אויפשטיין פרי. נאך צוויי שעה איז דא א לויה פון אונזער שכן אריק. נעכטן ביינאכט איז ער צוזאמגעפאלן און ער איז נפטר געווארן.

"ווער?! אריק? דער פון די גרויסע הויז דא אריבער די גאס?" בין איך אויפגעשפרינגען פון בעט.

"יא יא, נעבעך, א צובראכענע נשמה. ס'איז זייער וויכטיג מיר זאלן ביידע גיין צו די לויה, ווייל איך האב מורא אז ס'וועט נישט זיין דארט א מנין פון ערליכע אידן, און איך וויל זאגן קדיש אויף אים, ווייל ער האט גארנישט איבערגעלאזט אויף די וועלט.

איך האב מיך שנעל צוגעיאגט אז איך זאל קענען זיין ביי די לויה, איך בין טאקע געווען דער צענטער און מיין טאטע האט געקענט זאגן קדיש.

די גאנצע לויה בין איך מיטגעגאנגען און געזען פאר מיינע אויגן זיין נעכטיגע צוואה וואס ער האט איבערגעלאזט ביי מיר, איך האב געזען די מעסעדזש וואס דער אויבערשטער האט מיר געשיקט דורך אריק.

איך האב געשפירט אז דער אויבערשטער האט מיר נעכטן געשיקט א מעסעדזש ווייל ער וויל נישט איך זאל אפלאזן די וועלט אזוי ווי אריק.

אין יענע מינוטן האב איך געמאכט די שווערע באשלוס, איך האב מחליט געווען מיט א שטארקייט אז איך נעם אן די מעסעדזש און איך גיי טון מיט דעם וואס מ'דארף.

איך האב מבטל געווען מיין פלאן וואס כ'האב שוין געהאט באשטעלט ביים קאלעדזש, איך האב אוועקגעלייגט מיין חלום צו זיין א ביזנעסמאן און איך האב אנגעהויבן צו אינוועסטירן אין וואס ס'איז טאקע וויכטיג אין לעבן.

ס'איז מיר נישט אנגעקומען גרינג. איך האב געהאט זייער שווערע צייטן, אבער די גאנצע צייט האב איך געהאט פאר מיינע אויגן די מעסעדזש וואס דער אויבערשטער האט מיר געשיקט מיט אריק אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, מיט א קלארע בילד וויאזוי ס'לוינט מיר נישט צו אויסזען.

"און יעצט לאמיר צו גיין צום סיום.

"הדרן עלך כל הש"ס כולו והדרך עלן..."

*

דער אויבערשטער רעדט צו אונז אין צוויי סארטן וועגן. איין וועג איז די תורה וואס לערנט אונז אויס וואס צו טון און וואס נישט צו טון.

די צווייטע וועג איז דורך די מציאות פון די וועלט; השי"ת מאכט פארשידענע מעשים דא ארום אונז, כדי אונז אריבערצופירן א מעסעדזש וואס ער וויל פון אונז. אזוי ווי ס'שטייט פון בעל שם הקדוש, אז יעדע זאך וואס א מענטש הערט אדער זעט, דארף ער וויסן אז ס'קומט אים עפעס זאגן, ווען נישט וואלט ער נישט געהערט פון דעם.

די גאנצע וועלט האט געהערט אלעס וואס האט פאסירט אין מצרים, אבער ווען יתרו האט געזען אז נאך אזא קריעת ים סוף קען קומען א פאלק אזוי ווי עמלק און מאכן א מלחמה מיט די אידן, האט ער פארשטאנען אז ווען מ'הערט איז דאס נאכנישט גענוג, מ'דארף אויך עפעס טון למעשה.

די תורה לערנט אונז דא אויס א שיעור פון א'-ב' אין קבלת התורה. "וישמע יתרו" – יתרו האט געהערט. "מה שמועה שמע" - וואס איז אז ער האט געהערט? "ובא" - ער איז געקומען!! יתרו האט פארשטאנען אז אויב ער זעט עפעס וויל מען פון אים עפעס, צוליב דעם איז ער אויפגעשטאנען און ער איז געקומען, ווייל כדי ריכטיג צו מקבל זיין די תורה איז נישט גענוג נאר צו הערן וואס מ'רעדט צו דיר, זיי דיך מתבונן אין וואס ס'געשעט ארום דיר און פארשטיי וואס דאס מיינט פאר דיר צו זאגן.

פאר דעם הייבט אן די פרשה מיט דעם נאמען פון יתרו, צו זאגן אז דאס איז א הקדמה צו קבלת התורה, כדי מ'זאל קענען זוכה זיין צו די תורה איז נישט גענוג נאר צו לערנען, מ'דארף אויך התבוננות צו פארשטיין די אנדערע שפראך וואס השי"ת רעדט צו אונז.

נאך מער, די מדרגה פון "כהן מדין" איז געווען זיין נידעריגסטע מדרגה אין רוחניות וואס ער האט געהאט, און די מדרגה פון "יתרו" איז געווען זיין העכסטע מדרגה וואס ער איז אנגעקומען. דאס וויל אונז די תורה זאגן, אז יתרו איז געגאנגען פון אזוי נידעריג צו אזוי הויך. און ווי אזוי איז דאס געווארן? "וישמע" - ער האט 'דערהערט' וואס דער באשעפער רעדט דא!

***

ס'איז געווען אמאל א אידישער סוחר וואס האט געוואוינט אין טשיינע (סין), ער האט געהאט דארט גרויסע געשעפטן, געשיקט פון דארט סחורה צו די גאנצע וועלט. איין מאל איז ער געווען אין אייראפע ווען זיינע ביזנעס, און ער האט באשלאסן

אז ער איז שוין דא וועט ער פארן צום חפץ חיים נעמען א ברכה.

ער איז געפארן קיין ראדין, אריין צום חפץ חיים און פארציילט אז ער וואוינט אין טשיינע און ער איז געקומען בעטן א ברכה.

"טשיינע?!" וואונדערט זיך דער חפץ חיים, ס'איז דאך די אנדער עק וועלט." "וואס הערט זיך אין טשיינע?"

"נישט אזוי גרינג," קרעכצט דער איד. "די אידישקייט איז זייער שוואך, ס'זייער שווער מיט די אידישע חינוך, זייער שווער צו האבן כשר'ע עסן. ס'איז דא גרויסע נסיונות מיט שמירת שבת. ה' ירחם, ס'איז נישט פשוט."

דער חפץ חיים איז נישט נתפעל געווארן פון זיינע ווערטער, און געענטפערט: "יא, מיר ווייסן, אין די גאנצע וועלט איז דא נסיונות היינטיגע צייטן, אין אמעריקע, אויסטראליע, ס'איז א צרת רבים. איך האב געשריבן א ספעציעלע ספר "נדחי ישראל" פאר מענטשן וואס וואוינען אין די אלע פארווארפענע פלעצער, דארט שטייט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן אין שווערע מצבים. אפשר קענסטו טאקע מיטנעמען אפאר בענדער און פארטיילן דארט פאר די מענטשן."

עס גייט אריבער אפאר סעקונדעס, און דער חפץ חיים ווענדט זיך נאכאמאל צו דעם איד. "וואס נאך הערט זיך אין טשיינע?"

דער מענטש וואונדערט זיך, איבער די אידישע לעבן האט ער שוין דערציילט, וואס נאך קען אינטערעסירן דעם הייליגן חפץ חיים?

"איך בין שוין אפאר וואכן נישט דארט, איך ווייס נישט וואס איז דארט נייעס."

"אבער פאר ווען דו ביסט ארויס וואס איז געווען די נייעס? אויף וואס האבן די צייטונגען געשריבן?"

"מ'האט געהאט געבויט א גרויסע מויער נעבן איינע פון די גרעסטע טייכן אין לאנד, ס'זאל נישט איבערשווענקען די דערפלעך דארט. פאר ווען איך בין אוועקגעפארן איז געווען זייער שטארקע רעגנס, דער מויער האט זיך צובראכן, און הונדערט טויזנט מענטשן זענען דערטרונקען געווארן! גאנצע דערפלעך זענען געווארן אפגעמעקט פון די וועלט."

ווי נאר דער חפץ חיים האט דאס געהערט איז ער געווארן זייער פאציטערט: "אוי ווי, מדת הדין איז אויף די וועלט, הונדערט טויזנט מענטשן זענען דערטרונקען געווארן..." ער האט זיך פאר אפאר מינוט נישט געקענט בארויגן.

"רבי, איך קען פרעגן א שאלה?"

"יא, אוודאי."

"איך פארשטיי נישט דעם רבינ'ס הנהגה, פריער האב איך דערציילט איבער די שלעכטע מצב פון די אידישקייט ביי אונז, און ס'האט נישט אויסגעזען אז דער רבי ווערט פון דעם אזוי צובראכן. און דא דערצייל איך יעצט וועגן גוים וואס זענען דערטרונקען געווארן, ווערט דער רבי איינגאנצן איבערגענומען פון דעם? וואס איז דאס שוין טשיינעזער גוים?"

"איך וועל דיר ערקלערן," זאגט דער חפץ חיים. "אין ווארשא ביסטו אמאל געווען?"

"אוודאי. פון ווארשא פארט מען דאך קיין ראדין."

"וויפיל אידן וואוינען אין ווארשא?"

"מ'זאגט אז ס'וואוינען דארט דריי הונדערט טויזנט אידן."

"יא, אזוי זאגט מען. און וויפיל פראצענט פון אלע איינוואוינער אין שטאט זענען זיי?"

"ארום א דריטל פון די שטאט."

"זאג מיר," פרעגט אים דער חפץ חיים. "אויב דו וועסט גיין אין ווארשא, און זען א מענטש שטייט און דרשנ'ט אינמיטן שטאט אויף אידיש, צו וועמען רעדט ער?"

"וואס הייסט צו וועמען? צו די אידן וואס גייען דארט אריבער."

"אבער דו האסט דאך געזאגט אז רוב זענען דארט גוים?"

"יא, ריכטיג, רוב שטאט זענען גוים, אבער זיי פארשטייען נישט אידיש, איב איינער רעדט אידיש מוז זיין אז ער מיינט די אידן."

"איך פארשטיי נישט דעם רבינ'ס הנהגה, פריער האב איך דערציילט איבער די שלעכטע מצב פון די אידישקייט ביי אונז, און ס'האט נישט אויסגעזען אז דער רבי ווערט פון דעם אזוי צובראכן. און דא דערצייל איך יעצט וועגן גוים וואס זענען דערטרונקען געווארן, ווערט דער רבי איינגאנצן איבערגענומען פון דעם? וואס איז דאס שוין טשיינעזער גוים?"

"ביסט גערעכט," זאגט אים דער חפץ חיים. "און אויב אזוי, פארשטיי אליין אז ווען הונדערט טויזנט גוים ווערן דערטרונקען, איז דאס א שפראך פון הימל וואס דער אויבערשטער זאגט 'מי במים'. צו וועמען רעדט ער דעם שפראך? ווער פארשטייט דעם שפראך? ווער ווייסט וואס צו טון מיט דעם מעסעדזש? די גוים?! זיי פארשטייען דאך נישט דעם שפראך! אויב אזוי, ווען השי"ת רעדט אידיש וועמען מיינט ער? נאר אונז די אידן!

"און פון וואו וועל איך דא אין ראדין וויסן פון דעם? פארדעם ביסטו געקומען צו פארן און דאס דערציילן." ■

די ליינער קענען ארייַנצוגעבן אינפארמאציע אויף די בילדער דורך:
לאזן א מעסעדזש אויף שבת בשבתו טעלפון סיסטעם
020 39 815 815 #5
אריינפאסטן אין שבת בשבתו לעטער באקס
Unit 4, 2a Northfield Road, London N16 5RN
שיקן אן אימייל צו:
sbsvergedenkt@gmail.com
אזוי אויך בעהט מען פון די ליינער זיי זאלן ארייַנשיקן
אינטערסאנטע בילדער להנות בהם בני אדם

#196

# ווער געדענקט?!!




## ענטפער פון ווער געדענקט 195#




א דאנק פאר ידידנו הר"ר ישכר בעריש וויס שליט"א פון אמעריקע פארן צושטעלן דעם בילד

דער בילד איז ביי א באזוך וואס כ"ק גאב"ד ירושלים זצ"ל האט אפגעהאלטן דא אין לאנדאן, וואו עס האט אים באגלייט הגה"צ ר' יוסף צבי דוננער זצ"ל ראב"ד התאקה"ח.

מען דערקענט אויפן בילד:

1) הר"ר ברוך דוננער שליט"א [מאנטשעסטער]

2) הר"ר אליעזר פרענקל הי"ו [גאלדערס גרין]

3) כ"ק הגה"צ ר' יצחק טובי' וויס זצ"ל – גאב"ד ירושלים

4) הגה"צ ר' יוסף צבי הלוי דוננער זצ"ל - ראב"ד התאקה"ח

5) הר"ר ? דוננער הי"ו (בן ר' ברוך)

NATURAL HEALTH
CLINIC

# כוס תנחומין



בצער רב ויגון קודר הננו משתתפים באבלו של האי גברא יקירא, מאיר עיני חכמים, במעשיו הטובים לרומם קרן התורה, וגם לרבות במעשה הטוב והחסד לטובת הכלל והפרט, מלא טבוון וקשוט, עומד ומיטיב ומוכן ומזומן כראוי, לכל מילי דבעי, אוזן קשבת ומחזק לבבות ישראל בכל עת, מרבה פעולות ביתר שאת, למען בריאות וחיזוק כוחות ישראל ולרפואתם בלב ונפש מסורה,

## מוה"ר מאיר פנחס קרישבסקי שליט"א

### מנהל בנאמנות נעטראל העלט קליניק

היושב בעמק הבכא ותאבל מרה על פטירת אמו החשובה והצנועה, חגרה בעוז מתני' ומשחר נעורה באמונה ובטחון עוז והדר לבושה בצניעות ויושר הליכותי' שמחה במצות ומעשים טובים, באצילת מדותי' השפיעה סביבותה

## האשה הצוה"ח מרת גיטל ב"ר אברהם אלימלך ע"ה

ששל"ח אחרי שסבלה יסורים קשים שקבלם באהבה

תנחומינו הכנים שלוחות, מקרב לבבינו ערוכות המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ולא תוסיפון לדאבה עודף ולא ישמע בביתו ובבתי כל ישראל שום שבר ושוד, והלך לפני' צדקותי' הרבות, בגן עדן תהא מנוחתה, ותהי' למליצה ישרה בעדו ובעד משפחתה ומי שאמר לעולמו די יאמר לצרתינו די, ומעתה ועד עולם אך טוב וחסד ירדפוכם, ונזכה לנחמת ציון וירושלים בביאת גואל צדק בב"א.



המשתתפים בצערו

**The Natural Health Clinic & the team**

gilyoines.com

בעזהשי"ת

א׳ אדר • ד׳ תרומה

# וועלן הונדערטער אידן זיך קומען באדאנקן ביים הייליגן שי"ר זי"ע אויף זייערע ישועות

## ביים ציון מסוגל לישועות,

פונעם רבי'ן ופוסק פון כלל ישראל רבינו הש"ך זי"ע, וואו עס איז מקובל אַז אויב מ'נעמט זיך אונטער צוריקצוקומען נאָכ'ן ישועה זיך צו באַדאַנקן זעהט מען אויסטערלישע ישועות – בדוק ומנוסה דורך אלפי ישראל

gadyu.com

# כי שפתי כהן ישמרו דעת



ציון המסוגל לישועות
מקום מנוחת קדשו של
רבינו הש"ך
מרן רבי שבתי
בן רבי מאיר הכהן זי"ע
ביהמ"ד • מקוה • הכנסת אורחים
העלישוי, טשעכיי

קומט היי-יאָר צום יאָרצייט,
צו קענען קומענדיגע יאָר זיך
קומען באדאנקן אויף די ישועות

## הילולא קדישא של מרן רבינו הש"ך זי"ע

א׳ אדר • ד׳ תרומה • העלישוי, טשעכיי

gilyoines.com

שמואל סופר

וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ

# תיקון שובבי"ם

## לעבעדיג אין ירושלים עיה"ק

צווייטע חלק פונעם שמועס מיט הרה"צ רבי אברהם פריש שליט"א איבער זיין טאטן הגה"צ רבי דניאל פריש זצ"ל בעמ"ח מתוק מדבש, באגלייט מיט א לעבעדיגע שילדערונג פון א תיקון שובבי"ם אין ירושלים עיה"ק

לך אל העם וקדשתם



ח"ב

- פאריגע וואך האבן מיר געברענגט די ערשטע חלק פונעם שמועס מיט הרה"צ ר' אברהם פריש שליט"א, וואו ער האט פארציילט איבער זיין גרויסן פאטער, הגה"צ רבי דניאל פריש שליט"א בעמח"ס מתוק מדבש.
- דער שמועס איז – ווי דערמאנט פאריגע וואך – צושטאנד געקומען נאך וואס מיר האבן באשלאסן זיך צו באטייליגן לעבעדיג ביי א 'תיקון שובבי"ם אין ירושלים עיה"ק, און מען האט אונז אנגעוויזן אז אינעם כולל המקובלים פון מוסדות 'מתוק מדבש' קומט פאר אזא מעמד יעדן דאנערשטאג שובבי"ם, און כדי צו וויסן פארדעם וואס עס קומט דארטן אלץ פאר, האבן מיר באשטעלט אן אודיענץ מיטן ראש הכולל, הרה"צ ר' אברהם פריש.
- לייענט די וואך דער המשך פונעם שמועס וואו ער רעדט איבער זיין גרויסן טאטן, און איך אונזערע געפילן נאכן זיך משתתף זיין ביים געהויבענעם מעמד התיקון.

gilyoines.com

## איר דערמאנט וויאזוי אייער פאטער האט געשריבן אזויפיל ספרים אין טיפע ענינים. ווי אזוי איז עס טאקע געווען מעגליך און ווי אזוי האט זיך דער זאך אנגעהויבן?

עס איז פשוט אז מען רעדט פון עפעס וואס דער מענטשליכער מענטש קען נישט באגרייפן און פארשטיין. דער טאטע זצ"ל איז געווען למעלה מן הזמן. ווען מענטשן רעדן איבער דעם וויאזוי ער האט עספיעט אזויפיל אין זיין לעבן וועלן זיי אלעמאל זאגן צו די קינדער אז זיכער האט ער נישט געהאט קיין צייט פאר די קינדער, אדער פאר די שטוב זאכן, אבער עס איז ממש געווען די פארקערטע, ער האט געהאט צייט פאר אלעס אין די וועלט, און דאס מאכט נאך די קשיא גרעסער.

עס איז געווען יארן וואס ער האט געגעבן שיעורים אין קבלה, ער איז ארומגעפארן אין די וועלט, ער האט געהאט א שטוב מיט קינדער און זיך אפגעגעבן מיט יעדן איינעם, ער האט נאך געהאט צייט פאר קבלת קהל, נאך געשריבן דער זוה"ק און ארויסגעגעבן נאך א לאנגע רייע פון ספרי קודש ווי דער באקאנטער 'ימי החברות' אדער דער 'יום החופה לחתן' און אזוי ווייטער.

איך האב אים אמאל געפרעגט ווי אזוי ער האט באוויזן אזויפיל, האט ער מיר א זאג געגעבן: "די טאג האט 24 שעה! דו ווייסט ווי סאך דאס איז?"

ער איז געווען אויסגערעכנט, יעדע מינוט האט געהאט א טייערקייט, און דאס איז געווען א חלק פון זיין הצלחה.

מען האט געזען ביי אים א מורא'דיגע זאך; די יארצייט געפאלט אויס י"ד שבט, דער טאטע זצ"ל איז געבורן געווארן ז' שבט. ער האט געלעבט פונקט זיבעציג יאר מיט אכט טעג פון זיין ברית. ביי די פטירה האבן עס אלע באוואונדערט. עס איז מקויים געווארן ביי אים דער 'ימי שנותינו בהם שבעים שנה' און עס איז געווען ווי ביי די צדיקים פון טאג ביז טאג, און זעט אויס אז מען האט אים געגעבן עקסטערע כוחות פון הימל.

## צי האט ער אליין אנגעהויבן שרייבן דער זוה"ק אדער האט מען אים צוגעשטופט דערצו?

דער אמת איז אז דער געדאנק אז נישט געווען זיין אייגענער. דער געדאנק פון מאכן א פירוש אויפן זוה"ק האט זיך אנגעהויבן ביי זיין גרויסן רבי'ן כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל.

אין א טאג האט אים זיין רבי זצ"ל געלאזט רופן, ער האט אים געוויזן א צעטל און אים געזאגט די פאלגענדע: "איך האב א קבלה בשם דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע, אז איידער משיח וועט קומען וועט אויפשטיין א איד און מאכן א פירוש אויפן זוה"ק און דער פירוש וועט באלייכטן די וועלט.

"איך האב געמיינט," האט אים זיין רבי ווייטער געזאגט, אז דער איד וועט זיין איך אליין. אבער איך זע אז איך בין נישט מסוגל דערצו, מיינע כוחות דערהייבן עס נישט, וועגן דעם ווענד איך זיך צו דיר און כ'בעט דיר אז דו זאלסט עס נעמען אויף דיר!"

דער טאטע זצ"ל האט עס דעמאלט גענומען אויף זיך. מערקווירדיג איז אז די ערשטע פרשה וואס ער האט אנגעהויבן איז געווען פרשת יתרו (די וואכעדיגע סדרה) און ער האט אויך געענדיגט זיין פירוש פרשת יתרו, פונקט 20 יאר שפעטער נאך דעם וואס ער האט עס אנגעהויבן שרייבן.

און אז מען רעדט שוין פון דער הפלא'דיגע כח און די סייעתא דשמיא וואס ער האט געהאט, איז וויכטיג צו באטאנען נאך א מורא'דיגע מעשה וואס די קינדער האבן מיטגעהאלטן און דאס איז געווען ווי שטארק ער איז אוועקגעלאפן פון פרסום.

א איד וואס האט ארויסגעגעבן אזא יצירה פון זיינע הענט וואלט בדרך הטבע געדארפט זיין זייער א מפורסם'דיגער מענטש. די גאס וואלט געדארפט רודערן מיט אים, ער וואלט געדארפט זיין דער ראש המקובלים בדורינו, אבער למעשה איז ער געווען זייער באהאלטן, ער האט געלעבט זייער פשוט און אויך דא, איז דער סוד געווען זיין גרויסער רבי, דער רבי פון תולדות אהרן זי"ע.

די קינדער האבן עס מיטגעהאלטן. עס האט זיך געמאכט ווען עס איז אנגעקומען אין שטוב א פרישער באנד פון דער זוה"ק. דער באנד איז נארוואס ארויס פון דרוק און דער טאטע איז געווען אויסטערליש בהתלהבות און זיך געיאגט אריבערצוגיין צום שטוב פון דעם רבי'ן זצ"ל און אים איבערגעגעבן דער באנד.

ווען זיין רבי האט דערהאלטן דער באנד איז ער געווען זייער בשמחה און זיך אנגערופן צום טאטן זצ"ל, "אין אזא צייט וויל דער יצר הרע איין זאך! ער וויל צוברענגען אז דער מענטש זאל האבן א פניה! ער זאל זיך גרויסן אז עס איז כוחי ועוצם ידי. מען דארף זיך היטן פון דעם ווי פון פייער..."

און פון די נקודה האט זיך דער טאטע געהיטן כל ימיו. ער האט זייער אכטונג געגעבן אז ער זאל נישט האבן

קיין שום זייטיגע פניה, אז די ארבעט זאל זיין ריין לשם שמים, נאר פארן בורא כל העולמים.

### ◆ מענן לענן, איז דא עפעס א מורא'דיגע מעשה איבער די נשמה פון אייער טאטע זצ"ל, וואלט איר אונז געקענט זאגן מער דערוועגן?

יא, ריכטיג. אין די משפחה איז מקובל א מעשה נורא, אז נאך איידער ער איז אראפגעקומען אויף דעם עולם האט מען מגלה געווען פאר זיין מאמע ע"ה אז עס גייט אראפקומען אויף די וועלט א הויכע נשמה.

ומעשה שהיה אז ער האט געהאט א חשוב'ער זיידע וואס האט געהייסן רבי דניאל פאלאטשעק זצ"ל. דער זיידע איז געווען פון די געהויבענע אידן אין די שטאט נאנאש. אלע אידן אין די שטאט האבן געוואוסט אז מען רעדט פון א איד וואס איז א בן עליה. דער זיידע זצ"ל איז געווען א נהנה מיגיע כפיו, ער האט געהאט געשעפטן און געטון אסאך חסד פאר אידן, אבער נאכט נאך נאכט איז ער אויפגעשטאנען לערנען חצות.

דער זיידע זצ"ל האט געהאט אן איידעם מיטן נאמען רבי צבי אריה פריש ז"ל. דער רבי צבי אריה איז געווען א חשוב'ער איד און האט געצויגן זיין אפשטאם צו דער הייליגער ישמח משה.

לימים איז געבוירן געווארן ביי דער ר' צבי אריה אין שטוב א זון, דער זון האט מען א נאמען געגעבן נפתלי הירצקא ז"ל. ווען דער זון ר' נפתלי הירצקא איז אנגעקומען צו די עלטער פון די שידוכים האט ער חתונה געהאט מיט א פרוי וואס האט געהייסן שרה.

א שטיק צייט איז אריבער פון די חתונה, ווען דער זיידע זצ"ל האט געלאזט רופן די נייע איייניקל שרה. ביי דער באגעגעניש האט ער איר איבערגעזאגט עטליכע זאכן, איר אנזאגנדיג דערביי אז זי זאל עס האלטן אין געהיים.

עס האט נישט געדויערט קיין לאנגע צייט און דער זיידע זצ"ל איז אוועק פון די וועלט. דעמאלט האט זי אויפגעדעקט אז דער זיידע האט איר געזאגט אז ער וועט אוועקגיין פון די וועלט און ביי איר אין שטוב וועט געבוירן ווערן א קינד.

"די קינד וועט האבן אין זיך א הויכע נשמה. איך בעט דיר, גיב אים א נאמען נאך מיר, דניאל."

לימים איז טאקע געבוירן געווארן דער קינד וועלכער איז געווען מיין טאטע זצ"ל.

אז מען רעדט שוין פון די נושא פון נשמות איז אינטערעסאנט צו צולייגן וואס עס האט שפעטער מעיד געווען אויף אים דער גרויסער צדיק פאר הדור הגרי"מ שעכטער שליט"א רעדנדיג איבער'ן טאטן זצ"ל.

דער רוב פון די פירוש האט דער טאטע זצ"ל געשריבן אין מירון. ער פלעגט האבן א קביעות אז פאר לאנגע חדשים איז ער געפארן קיין מירון און דארטן אפגעזעצן און געשריבן דער פירוש.

מירון בימים ההם איז נישט געווען ווי מירון היינט. די אומשטענדן זענען



ביי א שיעור פון הרה"צ ר' אברהם אייזנבאך שליט"א בנסתרות התורה



די רבני כולל מתוק מדבש ביי דער מעמד התיקון

געווען שרעקעדיג. עס איז נישט געווען געהעריג וואו צו שלאפן, וואס צו עסן, אבער דער טאטע זצ"ל האט זיך באגענוגנט מיט פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה.

ווי ביטער די אומשטענדן



זענען דאן געווען דערציילט דער בארימטער משפיע הגה"צ רבי גמליאל ראבינאוויטש שליט"א, אז אין מירון איז געווען א ווערטל אז רבי שמעון לאזט נישט שלאפן!

מען פלעגט אזוי צו זאגן ווייל אויפן ארט איז געווען אן א שיעור פליגן און אינזקעטן. זיי האבן געביסן און אז דו האסט געכאפט א דרימל האסטו אויך געכאפט א ביס, אבער דאס אלעס האט נישט אפגעהאלטן דעם טאטן זצ"ל. ער איז געזעצן דארטן און געשריבן דעם פירוש.

פלעגט רבי יעקב מאיר אייביג זאגן, אז דער טאטע זצ"ל האט מעיד געווען אז ער איז נאכנישט געווען גרייט צו שרייבן דער פירוש, אבער זייענדיג אויפן דאך פונעם מערה, האט ער געשפירט ווי די מעיינות החכמה האבן איך זיך געעפנט, ווי א נשמה עליונה האט זיך מתלבש געווען אין אים און העלפט אים פארשטיין וואס עס שטייט אין די הייליגע ווערטער פון רבי שמעון.

מען קען אסאך רעדן איבער דער עצם מענטש און זיין גרויסער און הייליגער דמות וואס ער האט פארקערפערט אין זיך. כל ימיו איז ער געווען א בעל יסורים, ער האט געליטן אויף ווייטאגן און זיך געזוכט צו היילן, אבער ער איז אנגעגאנגען מיט זיין סדר היום, כאילו לא היה.

אסאך צייט פון זיין לעבן האט ער געווידמעט צו טון חסד מיט אנדערע. אויסער וואס ער פלעגט אויסהערן אידן און געהאדעוועט דרייצן קינדער, האט ער געגעבן צו עסן פאר צענדליגער בחורים יעדן שבת.

די שטוב איז נישט עקסטער גרויס. היינט האבן מיר דא די כולל, אבער דא פלעגט מען אויסציען א טיש און עס פלעגן זיצן ארום די טיש צענדליגער בחורים און געגעסן די סעודת שבת, ווען דער טאטע זצ"ל רעדט צו זיי און מוטיגט זיי מיט וואס מען דארף, און בלאזט אריין אין זיי חיות דקדושה.

א וועלט פאר זיך איז געווען זיין קדושה. פון קליינווייז אן האט ער

געהיטן זיינע אויגן. מען פלעגט דערציילן אז כידוע איז געווען דער סדר אין אונגארן אז די קינדער האבן געדארפט לערנען לימודי חול, דער סדר איז געווען אז אין חדר פלעגט נאכמיטאג קומען א גוי און לערנען מיט די קינדער די לימודי חול.

אויך דער טאטע זצ"ל איז געווען געצווינגען מיטצוהאלטן די לימודי חול, אבער אזוי ווי דער טיטשער איז געווען א גוי, האט ער זייער אכטונג געגעבן נישט צו קוקן אויף אים, און ביי די לימודים פלעגט ער זיצן האלטנדיג א ספר מסילת ישרים אונטער'ן טיש און גלערנט פון דעם.

איינמאל האט דער לערער זיך אויפגערעגט אויף אים. ער האט אים געצווונגען אז ער זאל אים וויזן וואס ער האלט דארט. דער טיטשער האט געפאדערט פון אים אז ער זאל אים זאגן וואס מען האט יעצט געלערנט. צו דער וואונדער פון די לערער האט ער געקענט איבערזאגן פינקטליך וואס מען האט געלערנט, די גאנצע לימוד.

דער גוי זענענדיג אז ער קען האט ער אים צורוה געלאזט און דער טאטע זצ"ל האט ווייטער געקענט היטן די אויגן.

לימים האט אויסגעבראכן די קריג. ווען די קריג האט געגרייכט זיין שטעטל איז ער אלט געווען ניין יאר. ער איז אריבער אסאך שווערע צייטן ביי די קריג אבער באופן פלא האט ער עס איבערגעלעבט, און נאכן זיך וואלגערן אין אסאך ערטער איז ער אריוף געקומען קיין ארץ ישראל וואו ער האט זיך שפעטער מתדבק געווען אין זיין רבי, דער רבי פון תולדות אהרן זצ"ל און איז געבליבן דבוק אין אים כל ימי חייו.

## ✦ מיר האבן שוין געהערט אביסל איבער דער גרויסער

## און הייליגער דמות פון אייער גרויסן טאטן - דערציילט אונז אביסל וויאזוי די שטוב האט זיך געפירט.

עס איז דא אסאך וואס צו דערציילן. מיר האבן זוכה געווען קונה צו זיין אסאך פון אים, אבער בעיקר ברוחניות. אין שטוב האט געהערשט א שטארקער נויט. עס איז געווען יארן וואס דער טאטע זצ"ל האט געדינט אלץ מלמד, אבער אין די שפעטערע יארן האט ער עס אפגעלאזט און אין שטוב האט געהערשט א שרעקליכע דלות.

פאר לאנגע חדשים זענען מיר געגאנגען מיט די זעלבע קליידער און זיך באגענוגט מיט ווייניג עסן, אבער אויב עס איז דא איין רגע וואס איז מיר געבליבן אין זכרון, איז עס די רגע ווען דער טאטע זצ"ל האט באופן נפלא באקומען א פירוש אויף א שווערע שטיקל זוה"ק.

עס איז געווען ווען ער האט געהאלטן אינמיטן שרייבן די פירוש אויפן זוה"ק, און ער האט זיך פאראהאנקערט ביי א שווערע שטיקל. אין זוה"ק איז דא א שטיקל וואס הייסט 'קו המידה'. עס איז א שווערע שטיקל און אויך פארן טאטן איז עס געווען שווער. כידוע האט דער טאטע זצ"ל געבויט זיין פירוש אויף די פריערדיגע, און אויך ווען ער איז אנגעקומען צו דעם שטיקל האט ער געזוכט אין ספרי קודש א פירוש אויף דעם, אבער ער האט עס בשום אופן נישט געקענט טרעפן.

אין א טאג האט אריינגעקלאפט א איד ביי אונז אין שטוב. דער איד האט געבעטן אז ער וויל רעדן מיטן טאטן. מיר האבן גערופן דעם טאטן און דער איד האט געזאגט אז ער האט עפעס פארן טאטן. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד האט געהאט צוטריט צו איינער פון די ארכיוון, און דארט האט ער זיך באגעגנט מיט געציילטע בלעטער פון דער פירוש הרמ"ק אויפן זוה"ק, און טאקע אויף דער חלק פון קו המידה.

דער פירוש איז געווען אויפן וועג צום דרוק אבער עס איז נאכנישט געווען געדרוקט, און ער האט עס געברענגט פארן טאטן אז ער זאל עס האבן ביי זיך.

ווען דער טאטע זצ"ל האט געזען פון וואס עס רעדט זיך איז ער געווען אויסערזיך פון שמחה! ער האט געשפירט ווי מען האט עס אריינגעשיקט פון הימל ספעציעל פאר אים.

די שמחת התורה וואס איז געלעגן אויסגעלייגט אויף אים די נעקסטע פאר וואכן איז עפעס וואס וועט קיינמאל נישט ארויסגיין פון מיין זכרון! עס איז געווען א הימלישע שמחה! אן אמת'ע שמחה!

דאס זענען מיינע זכרונות פון די יונגע יארן.

## ✦ מיר קערן זיך צוריק צו דער תיקון השובבי"ם – וואו האט אייער טאטע געמאכט די תיקון שובבי"ם?

דער טאטע זצ"ל פלעגט עס מאכן אין שער השמים. בימים ההם איז דאס געווען דער צענטער. ער האט עס געמאכט אויף דעם דערמאנטן סדר.

## ✦ א גרויסן ישר כח פאר אייך. יעצט וועלן מיר זיך קענען ארויסלאזן צו מיטהאלטן דעם מעמד, און האבן א בעסערע פארשטאנד איבער וואס עס קומט דארט פאר.



ביים חתמ'נען אלץ עדות בשמחת צדיקים שטייענדיג הינטערן פוסק הדור בעל שבט הלוי זצוק״ל

# בײ דער געהויבענער מעמד

נאכן באקומען דער הינטערגרונד פון דער גרויסער געשטאלט און אויך נאך דעם וואס מיר האבן געהערט די דעטאלן וויאזוי דער זאך גייט צו, לאזן מיר זיך ארויס עס מיטצוהאלטן פו דער נאנט.

כדי צו דערמאנען דעם עולם איבער דעם סדר המעמד, ברענגען מיר עטליכע אויסצוגן פונעם שמועס מיט ר' אברהם פון פאריגע וואך:

*דער תיקון שובב״ים שטאמט פון דער הייליגער און באשטייט בעיקר פון צוויי זאכן. די ערשטע זאך איז די תפילה וואס דער רש״ש האט מתקן געווען, די תפילה איז באקאנט אלץ די תפילה פון 'עננו'. פון דעם איז דא די לאנגע גירסא און די קורצע גירסא. די קורצע גירסא זאגט מען בײ די שטילע שמונה עשרה און די לאנגע זאגט מען בײ די הויכע שמונה עשרה. די צווייטע זאך וואס דער רש״ש האט מתקן געווען איז אז מען מאכט דער פדיון הרש״ש.*

*דער פדיון איז געבויט אויף די ווערטער פון דעם הייליגן אריה״ק. דער הייליגער אריה״ק האט מגלה געווען אז אויף יעדע עבירה וואס א מענטש טוט דארף ער פאסטן אזויפיל און אזויפיל תעניתים. אויף געוויסע עבירות וואס א איד טוט דארף מען פאסטן פ״ד תעניתים אבער מיר קענען דאך נישט פאסטן אזויפיל, דעריבער האט דער רש״ש מתקן געווען א פדיון הרש״ש. מען מאכט א פדיון און מען לייזט אויס די תעניתים מיט א פדיון.*

*די צוויי דערמאנטע יסודות שטאמען פון דער רש״ש אבער מען איז אויך משלב נאך זאכן בײ דער תיקון. צווישן אנדערע איז דא א מנהג אז מען זאגט סליחות, יעדע וואך זאגט מען אנדערע סליחות, מען דאוונט מנחה, מען ליינט ויחל ועוד.*



איינע פון די רבנים שליט״א
ביים אנפירן דער מעמד התיקון

*עס איז אויך דא דער 'גילוי דעת' וואס מען מאכט איין מאל אין לויף פון שובבי"ם. דער גילוי דעת שטאמט פון דער שבט מוסר. עס איז א נוסח וואס מען זאגט און דערביי איז מען מגלה דעת אז אויב עס וועט געשען עפעס מיטן מענטש ביי די פטירה, איז ער יעצט מגלה דעת ברבים. עס איז א לענגערע נוסח. עס ווערט געזאגט מיט א גרויסע התעוררות, עס ברענגט אריין דעם מענטש אין זיינע לעצטע מינוטן אויף די וועלט.*

ביז אהער וואס ר' אברהם האט אונז מסביר געווען.

דער מעמד הייבט זיך אן אין די נאכמיטאג שעה'ן. די מערהייט פון די חברי הכולל האלטן נאך א טאג פאסטן. לויט מיין חשבון פון די אידן וואס נעמען אנטייל ביי דער מעמד, רעדט מען פון א צירקע דריי מנינים פון אידן וואס פאסטן.

צו דער באשטימטער שעה הייבט זיך דער מעמד אן. עס ווערט אנגעפירט דורך הרה"צ ר' אברהם פריש שליט"א און זיין שוואגער דער בארימטער מקובל ובן עליה הרה"צ ר' אברהם אייזנבאך שליט"א.

דער מעמד גייט אריין אין שוואונג. מען זאגט פאר די הארציגע סליחות, די סליחות איז בעיקר געבויט אויף די בה"ב סליחות, נאך די סליחות קומט פאר דער מעמד הפדיון און נאך דעם דאוונט מען מנחה.

די מנחה איז א לענגערע מנחה. ווי א איד וואס נעמט אנטייל ביי דער מעמד געבט מיר צו פארשטיין, איז יעדע תשובה צוזאמענגעשטעלט פון צוויי מעמדים. די ערשטע חלק איז די עצם תשובה, ווען דער איד האט חרטה און באדויערט זיין שריט און נעמט זיך אונטער אז ער וועט זיך מער נישט צוריקקערן צו זיין זינד, אבער דאס איז נאר די ערשטע טייל, די צווייטע טייל איז צו מתקן זיין די פגמים וואס ער האט געמאכט.

די תיקון אויף די פגמים דאס ווערט געמאכט דורך די שמות, און דער מקובל צעטיילט די חלק אויף צוויי. ווען מען זאגט די סליחות און מען דאוונט די לאנגע שמונה עשרה איז עס א זמן תשובה, אבער נאך דעם טרעט מען אריין אין די צווייטע פאזע.

לויט די ערנסטקייט וואס שוועבט דא זעט מען באשיינפערליך ווי די צוויי חלקים צעטיילן זיך אין צוויי. די שמונה עשרה איז א לאנגע, די סליחות רייסט ביים הארץ.

סוף כל סוף רעדט מען פון אידן בני עליה, ביי די אידן דערקענט זיך די וויטאג אויף די חטאים, אז א חטא דערוויטערט א איד פון זיין גרויסן טאטן און די בענקעניש איז קענטליך, מען וויל צוריק זיין ריין, נאנט צו השי"ת.

„דאס איז וואס מען פלעגט אמאל טון אין בית המקדש. מען האט געברענגט א קרבן און די קרבן האט צוריקגעבויט די נאנטקייט צו השי"ת,



די געסל פון מתוק מדבש

אבער היינט אז מיר האבן עס נישט טוט מען עס מיט תפילה".

מיין שמונה עשרה נעמט אביסל שנעלער ווי די אנדערע. ווען דער עולם טרעט אויס דערקענט זיך אויף זייערע פנימ'ער א געוויכטקייט, א טיפקייט אין זייער תפילה, ווי מען איז באמת אריינגעקראכן אין זיך אליין און זיך דערמאנט אין די זינד און פארשטאנען וואס עס האט איר גורם געווען און ווי אזוי מען טוט אויף איר תשובה.

די הויכע שמונה עשרה הייבט זיך אן. נאכדעם וואס מען זאגט איינמאל עננו קומט די עננו וואס מען זאגט ביי שומע תפלה.

ווי מען זאגט מיר אן פון פריער זאל מען נישט מיטזאגן די שמות, ווייל נאר די מקובלים פארשטייען וואס דא שטייט. נאך מנחה זאגט מען אבינו מלכנו און עס הייבט זיך אן דער מעמד פון די 'גילוי דעת'.

גענוי ווי ר' אברהם האט געזאגט איז עס עפעס וואס נאר ווער עס לעבט עס מיט קען עס פארשטיין. עס לייגט אראפ מיט פארבן אלעס וואס דער מענטש גייט אריבער אין די לעצטע שעה'ן פון זיין לעבן, וויאזוי דער יצר הרע פירט זיין לעצטע גערענגל אריינצוכאפן דעם איד אין זיינע לייצעס אין די לעצטע מינוט, נאך דעם וואס דער איד האט שוין געליטן פון זיינע שטיק אלע יארן.

די התעוררות איז זייער גרויס. מען דערהייבט זיך צו העכערע ספערן און ווען מען ענדיגט עס שפירט זיך א ריינקייט און א געהויבנקייט, די הייליגע געפיל וואס נעמט ארום איז עפעס העכער פון דעם עולם, עס האט א טעם פון מוצאי יום כיפור.

ווען מען ענדיגט עס קען מען שוין גיין דאווענען מעריב, און א געלייטערטער גייט מען ארויס פון דארט האפנדיג אז מען האט גע'פועל'ט און אונזער תשובה איז געווארן נתקבל למעלה.

א לאנגער צייט וועט דער איינדרוק בלייבן איינגעקריצט אין די הערצער, אבער ביתר שאת קען מען זיך נישט אפוואונדערן פון התפעלות פון דעם גרויסן דמות און די אימפעריע וואס ער האט איבערגעלאזט פאר די וועלט; די בארימטע 'מתוק מדבש' מיט איר רייכער אוצר פון ספרי קודש, און בכלל די גאנצע וועלט פון קבלה, וועלכער האט זיך געעפענט אדאנק אים.

***שובו בנים שובבי"ם***

# דער הילכיגער אין עוד מלבדו פון רבי דניאל אין די ווייטע פיליפינען

א שטורמישער לעבן האט דער צדיק רבי דניאל זצ"ל געהאט.

ווי דערמאנט אין דער ארטיקל האט ער כל ימיו געליטן יסורי הגוף. צווישן זיי איז באקאנט אז ער האט זייער שווער געליטן אויף די ביינער.

האט זיך אמאל געמאכט א מורא'דיגע מעשה, וויאזוי דער צדיק האט צוגעברענגט אז עס זאל זיין א קידוש השם לעיני כל העמים אין די ווייטע פיליפינען.

די מעשה האט זיך אנגעהויבן ווען דער צדיק האט - אויף די עצה פון כ"ק אדמו"ר מטאהש זצוק"ל - אנגעהויבן זיך נאכפרעגן וויאזוי מען קען טרעפן א רפואה צו זיינע ווייען.

נישטערנדיג נאך א רפואה איז דערגאנגען צו זיינע אויערן א שמועה, אז אין די ווייטע פיליפינען, נישט ווייט פון די הויפטשטאט אין מענילא איז דא א דאקטער וואס האט א רפואה צו די קרענק.

די ידיעה איבער דער דאקטער האט ער דערהאלטן פון א איד מיט וועמען ער איז געשטאנען אין פארבינדונג. דער איד האט געוואוסט צו דערציילן אותות ומופתים איבער יענער דאקטער און וויאזוי צענדליגער ליידנדע וואס זענען אהין געפארן האבן געהאט א וואונדערליכע ישועה ביי אים.

נאך דעם וואס ער האט דורכגעטון די זאך איז נתברר געווארן אז עס האט א גרונט, און נאכן באקומען די אדרעס האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג. דער יעניגער עסקן האט זיך אריינגעלייגט אין די לענג און אין די ברייט אז דער צדיק זאל האבן דארט וואס ער דארף.

נאכן לאנדן אין די הויפטשטאט מענילא האט ר' דניאל געהערט אז מען דארף נעמען א קאר און פון


gilyoines.com

די הויפטשטאט דארף מען אפרייזן פיר שעה צו א געוויסער געגנט וואו דארט געפינט זיך דער דאקטער.

נו, אז מען איז שוין געקומען צו פארן אזא ווייטע וועג וועט די פיר שעה נישט קיין סאך אויסמאכן. מען האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, ווען פלוצלינג איז קענטליך אז די הויכע געביידעס וואס זענען געווען ביז דא ווערן קלענער, די מאדערנע וועלט האט זיך געטוישט צו אן אלטמאדישע וועלט.

לויט די אנווייזונגען פון דער עסקן האט דער קליניק פון דעם דאקטער געדארפט צו זיין ערגעצוואו אונטער א קליינע געשעפט וואס פארקויפט בעזימער. נאך א לענגערע זוכעניש און זיך שלענגלען דורך נישט אויסגעפלאסטערטע וועגן איז מען אנגעקומען צו אן ארט וואס האט געהאט אלע סימנים וואס מען האט אים געגעבן.

אנקומענדיג אהין האט ער באמערקט א לאנגע רייע פון מענטשן. עס זענען דארט געווען מענטשן פון אלע עקן וועלט און צווישן זיי אויך אייראפעאישע. ר' דניאל האט זיך געשטעלט אין די רייע. ווען עס איז אנגעקומען זיין רייע האט אים דער דאקטער אריינגערופן און נאכן אים באטראכטן האט ר' דניאל באמערקט אז אין זיין צימער איז נישט דא קיין שום מעדעצינישע מיטלען. יענער האט זיך אפגעגעבן מיט קוועטשן אויף געוויסע פלעצער אין די קערפער, און ווען מען האט אים געפרעגט וואס זענען זיינע כוחות, ווי אזוי היילט ער זיינע פאציענטן, האט ער געזאגט אז ער איז ממשיך פאר זיי גרויסע כוחות פון אויבן.

דאן האט ר' דניאל אנגעהויבן באקומען די געפיל אז דער דאקטער באנוצט זיך מיט כוחות הטומאה, אבער מיט דעם אלעם האט ער באשלאסן אז ער גייט עס זען פון דער נאנט, האבנדיג ביי זיך א גוטער סימן צו זען פון וואס עס נעמט זיך די כוחות וואס דער יעניגער דאקטער האט געהאט צו היילן.



ווען דער דאקטער האט אים אנגעהויבן קוועטשן און זיך באנוצן מיט זיינע 'כוחות', האט ר' דניאל אנגעהויבן נוצן זיינע כוחות... ער האט אנגעהויבן טראכטן ביי זיך 'אין עוד מלבדו' אז נאר דו באשעפער ביסט מיין היילער! וואס ווי באוואוסט שטייט פון ספרים הק', אז ווען מען טראכט ביי זיך דעם 'אין עוד מלבדו', קען קיין שום שלעכטע כח נישט שולט זיין אויפן מענטש.

נאך א שטיק צייט פון מאכן זיינע שטיק האט דער דאקטער אן אויפגעברויזטער א געשריי געגעבן צו ר' דניאל: "זאג מיר, פון וואס טראכסטו? דיינע מחשבות שטערן מיר".

ר' דניאל האט אים געזאגט אז ער טראכט פון אין עוד מלבדו! אז השי"ת פירט די וועלט און אז נאר ער קען אים היילן.

"נישט גוט! נישט גוט!"

דער דאקטער איז געווארן זייער בייז אויף אים, ער האט אים פשוט ארויסגעשיקט פון זיין קליניק און געווארנט אז ער זאל זיך אפטראגן פון דא און זיך מער נישט אומקערן אהער.

האט ר' דניאל דערציילט אז ארויסגייענדיג פון דארט האט אים באנומען א מורא'דיגע התעוררות, ער איז ארויס אינדרויסן און זעענדיג אז עס איז שוין פארנאכטס, האט ער זיך געשטעלט דאווענען מעריב ווען טייכן טרערן פליסן פון זיינע אויגן דאנקענדיג השי"ת אז ער האט אים ליכטיג געמאכט אין די אויגן און אים נישט געלאזט אריינפאלן אין דער נעץ פון דער יצר הרע.

לימים פלעגט ער זאגן אז קיינמאל פריער און קיינמאל שפעטער האט ער נישט געהאט אזא התעוררות ווי ער האט געהאט דארטן אין די ווייטע פיליפינען און הלוואי וועט ער עס האבן נאכאמאל.

"עס איז נישט דא קיין טאג וואס איך האב נישט קיין יסורים ל"ע, אבער דער באשעפער געבט מיר כח עס אויסצוהאלטן..." פלעגט ער צוועודיגן.

י. אריק

# אנכי ולא יהי' לך מפי הגבורה שמענו

אלע אידן זענען דארט געשטאנען
אויך אלע נשמות וואס זענען פאראהאנען

און זוכה געווען צו זען און הערן
ווי השי"ת טוט נתגלה ווערן

מיר האבן אליין געהערט בראי' ובשמיעה
ובפרט די צוויי דברות אנכי ולא יהי'

דער הייליגער בני יששכר טוט מסביר זיין
וויבאלד מ'האט עס געהערט פון בורא אליין

דערפאר איז די אמונה איינגעבאקן גוט
און מען זעט אז אפילו ח"ו א שוואכער איד

ווען עס קומט צום פינטעלע אמונה
איז ער גרייט זיך מוסר נפש זיין ברינה

דער הייליגער רמב"ם איז מסביר די זאך
אפילו א איד איז נעבעך גאר שוואך

אבער וויבאלד ער גלייבט אין די י"ג עיקרים
איז ער א חלק פון כלל ישראל נקרים

אבער אויב ח"ו די אמונה איז געשלאגן
טוט ער נישט קיין חלק אין כלל ישראל פארמאגן

די ספרים הק' זאגן אז פאר ביאת המשיח
קומען אראפ נסיונות צו מאכן די אמונה שוואך

אבער דאס איז אונזער עבודה ישרה
רעדן פון אמונה און זיך חזר'ן בחזרה

רבי נחמן ברסלב'ער ברענגט א משל שיין
א קעניג איז געגאנגען אין וואלד אריין

אינמיטן ווערט האט זיך אראפגעלאזט א רעגן
ממש א מבול איז געקומען אנטקעגן

אלע שרים און חכמים זענען אנטלאפן
זוכן שוץ וואו ס'איז נישט אפן

און דער קעניג איז געווען אין א גרויסע סכנה דאן
ביז ענדליך האט ער געטראפן א דארפסמאן

און יענער האט אים אריינגענומען אין זיין שטוב
און געגעבן די בעסטע קליידער וואס ער האט ליב

און געגעבן אים צו עסן דאס בעסטע וואס איז גוט
דער קעניג האט זיך דארט אויסגערוט

אינדערפרי זענען די מיניסטארן געקומען זוכן
און געטראפן דעם קעניג אינגיכן

און זיי האבן געוואלט דעם קעניג אהיימטראגן
אבער דער קעניג האט זיי געטון זאגן

עטס זענטס אלע אנטלאפן ווען די מבול איז געשען
און דא איז אזוי גוט געווען

דערפאר ווערט דער דארפסמאן מיט זיין וואגן
מיט זיינע דארפישע קליידער מיך אהיימטראגן

און ער ווערט מיך זעצן אויף מיין כסא מלוכה
דער נמשל איז אויף עקבתא דמשיחא

עס ווערט זיין א מבול עס ווערט גיסן
נישט וואסער נאר אפיקורסות ווערט מען שיסן

און די אלע חכמים וועלן אנטלויפן
א רמז אז מיט חכמות ווערט מען נישט קענער אויסקויפן

און די גאנצע מלכות שמים ווערט זיך האלטן בלויז
אויף ערליכע פשוט'ע אידן וואס פירן זיך אנע חכמות

און ווען משיח ווערט קומען וועלן אט די אידן געווויס
זוכה זיין צו געבן דעם כתר מלכות

די 13 אני מאמין זאגן איז א סגולה
מען זאל זיך שטארקן מיט א גדולה

און ווי חז"ל זאגן אין ישראל נגאלין אלא בזכות האמונה
לאמיר זוכה זיין בקרוב נעלה לציון ברנה



אדמיניסטראטארן און פאנדרעיזארס איינגעשפאנט:

# פרישע מיליאנען פאר אלע צדקות אין לאנדאן

שלמה יאקאבאוויטש

אן אפענע שמועס מיט הר"ר **לייבל ניעדערמאן** הי"ו פון "הייוו" איבער די **ערשטמאליגע נעוויגעישאן קאנפערענץ פאר אדמיניסטראטארן און פאנדרעיזערס** מיט אלע פראגעס וואס איר ווילט וויסן

טאמער איז אייך אויסגעקומען צו האבן א שמועס אין די לעצטערע טעג מיט אן אדמיניסטראטאר פון א מוסד צי א פאנדרעיזער פון סיי וועלכן סארט, איז ווארשיינליך די נושא פון די בעפארשטייענדע 'נעוויגעישאן קאנפערענץ' אריינגעקומען אינמיטן דעם שמועס.

עס איז די מציאות אין די יעצטיגע טעג, אז יעדער וואס פירט א מוסד אדער גייט נאך געלט פאר א מוסד צי ארגאניזאציע, איז פארנומען מיטן נעוויגעישאן קאנפערענץ וואס וועט פארקומען בס"ד קומענדיגן מיטוואך ויקה"פ - כ"ב אדר הבעל"ט.

אויב זענען מיר געווען עטוואס סקעפטיש אינאנהייב איבער דעם שאנס פון אזא קאנפערענץ צו מצליח זיין ביי אונז אין לאנדאן, אבער ווען כ'האב געזען דעם לאגא פון די באוואוסטע 'הייוו' אויף די צעטלעך, האב איך געוואוסט אז יא, דא קומט א געלונגענע זאך, און נאכמער ווי דעם; דאס גייט מצליח זיין בס"ד!

די סיבה צו מיין שטארקע זעלבסט זיכערקייט איז צוליב דעם וואס מיר געדענקען נאך גוט דעם רייכן פאנדרעיזער קורס וואס הייוו האט אפגעהאלטן פארגאנגענעם זומער, וואס איז אפגעצייכנט געווארן מיט א זעלטן שטארקע סוקסעס ב"ה, אויף א פארנעם וואס האט שאקירט יעדן לאנדאנ'ער איד. איך געדענק נאך ווי מ'איז בעפאר יענע קורס געשטאנען ביי א קופקע מיטן טאלאנטפולן **הר"ר לייבל ניעדערמאן הי"ו**, פירער פון הייוו, און איין חכם האט זיך צו אים אנגערופן מיט זיכערקייט: "לייבי, הער אויף צו חלומ'ען. קענסל יעצט דעם קורס ווייל אז נישט וועסטו האבן גרויסע בזיונות..." אבער לאכן לאכט ווער ס'לאכט די לעצטע... און אזוי ווי אייביג איז לייבי דער וואס האט דעם לעצטן ווארט...

דעריבער, זעענדיג אז ער גרייט זיך נאכאמאל דורכצופירן עפעס ענליך, האבן מיר באשלאסן אז מיר גייען מיט אים אפהאלטן א שמועס, האפנדיג אז אזוי וועלן מיר אויך קענען זיין א חלק פונעם סוקסעס...

אבער די סיבה צו אונזער שמועס איז נאך עפעס, נעמליך נאכן זען די צעטלעך וואס האבן געמאלדן איבערן קאנפערענץ, האב איך געקענט באשטיין צו הערן מער פרטים, און מען האט באשלאסן זיך אראפצוזעצן מיט לייבי'ן און אים פארשטעלן אלע פראגעלעך, אזוי אז דער עולם זאל וויסן פאר ווען דער קאנפערענץ איז געאייגנט און וואס מען האט דארט צו ערווארטן.

# יום לשנה

• א גוט יאר ר' לייבל. פאר מיר גייען אריין טיפער אינעם נעוויגעישאן קאנפערענץ מיט שאלות וואס מענטשן האבן, געב מיר ביטע צו פארשטיין אין איין שורה וואס איז דאס די נעוויגעישאן קאנפערענץ?

עס איז בקיצור צו מאכן עס אזוי: עס איז געאייגנט פאר אדמיניסטראטארן און פאנדרעיזערס פון מוסדות און ארגאניזאציעס, זיי צו געבן א שטארקן שטופ און א 'בוסט', צו קענען אנגיין די גאנצע יאר מיט זייער עבודת הקודש און האבן די ריכטיגע כלים וויאזוי אויסצופירן די ארבעט אויפן בעסטן פארנעם. עס איז איין טאג אין יאר וואס דערמיט שעפט מען די כוחות פארן גאנצן יאר.

דער קאנפערענץ וועט בעז"ה צאמברענגען הונדערטער פון די דאזיגע עוסקים במלאכת הקודש, וועלכע וועלן סיי הערן גאר אינפארמאטיווע און וויכטיגע דרשות פון די בעסטע רעדנערס און גרעסטע פארשטייערס אין דעם פעלד, און אויך איז דאס א געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט קאלעגעס וועלכע טוען די זעלבע זאכן און אויסשמועסן כל מיני געדאנקען און שוועריגקייטן וכו'.

• אהא, איך פארשטיי. ווי ווייט איך ווייס אבער, זענען אדמיניסטראטארן און פאנדרעיזערס נישט ממש די זעלבע זאך, וואס איז פשט פון מאכן איין קאנפערענץ פאר ביידע?

שתי תשובות בדבר. קודם, כאטש וואס עס איז טאקע נישט ממש די זעלבע זאך, פארמאגט עס אבער זייער אסאך ענליכקייטן. ביידע האבן איין ציל: צו זען אז דער מוסד/ארגאניזאציע זאל האבן גענוג געלט און קענען אנגיין אומגעשטערט. יעדער אדמיניסטראטאר, טראץ וואס ער איז נישט עכט א פאנדרעיזער, טראגט ער געווענליך נאכאלץ די עול פון די געלט, און אין אסאך פעלער טוט ער אויך אליינס אביסל גיין נאך געלט צו מענטשן, אפגערעדט פון קלענערע ארגאניזאציעס וואס אין אסאך פעלער טוט איין מענטש ביידע.

דא קומט אריין די צווייטע ענטפער, אז ביי געוויסע לעקציעס גייט עס טאקע זיין צעטיילט צווישן די אדמיניסטראטארן און פאנדרעיזערס. אזוי ווי געזאגט, איז דאך דא געוויסע נושאים וואס געהערן נאר צו אן אדמיניסטראטאר, און אנדערע וואס איז שייך בלויז פארן פאנדרעיזער, דעריבער, כאטש וואס א חלק דרשות וועלן זיין צוזאמען, וועט זיין געוויסע צייטן אין לויף פונעם טאג, ווען עס וועלן פארקומען צוויי דרשות אין די זעלבע צייט, איינס פאר אדמיניסטראטארן און איינס פאר די פאנדרעיזערס.

# מחיל אל חיל

• פאר מיר גייען ווייטער, וואס האט דיר געברענגט זיך אריינצולייגן אין דעם קאנפערענץ? האסטו געזען עפעס וואס פעלט דא אין לאנדאן אדער איז עס פשוט געווען א גוטע געדאנק?

ווי באוואוסט – און ווי איר האט שוין ברייט באריכטעט אינעם שבת בשבתו זומער אויסגאבע - האט איך בס"ד מרובה געהאט די זכי' אפצוהאלטן א פאנדרעיזער קורס פארגאנגענעם זומער פאר קרוב צו 80 פאנדרעיזערס פון גאנץ אייראפע. פארן אנהייבן יענעם קורס בין איך בכלל נישט געווען אזוי 'קאנפידענט' אז עס גייט זיין א סוקסעס, איך האב מיך געריכט אז עס וועלן זיין ארום 30-40 באטייליגטע – וואס איך האב אויך אנגעקוקט אלץ שיינע נומער פאר די קליינע בריטישע אינזל...

למעשה איז געלויבט דעם באשעפער געווען ווי געזאגט אן אומערווארטעטע סוקסעס מיט נאנט צו אכציג באטייליגטע. אבער דער סוקסעס איז נישט געווען בלויז מיט די נומער באטייליגטע, נאר די פידבעק וואס מען האט באקומען שפעטער – און איך האלט נאך אינאיין באקומען – איז עפעס וואס איך וואלט קיינמאל נישט געחלומ'ט אז דאס גייט זיין אזוי שטארק. איך בין נישט מגזם יעצט, זינט יענעם קורס – מיט איבער א האלבע יאר צוריק - באקום איך כמעט יעדע איינציגסטע טאג פרישע פידבעק פון צעפרידענע באטייליגטע. יעדער מיט זיינע מעשיות און סוקסעס געשיכטעס, אבער הצד השוה אז מענטשן פארציילן וויאזוי יענער קורס האט זיי ממש געטוישט זייער עבודת הקודש.

**איך וואלט געזאגט מיט א זיכערקייט, אז אין די לעצטע האלבע יאר האבן שוין מוסדות און ארגאניזאציעס אין לאנדאן פארדינט ריזיגע סכומים אדאנק יענע קורס!**

זעענדיג די געוואלדיגע סוקסעס, האב איך זיך גענומען פאר א מיסיע ווייטער צו טון אין דעם ליניע, ווייל דאס איז עפעס וואס פעלט זיך שטארק אויס, מ'דארף נאך אסאך פאנדרעיזערס אין לאנדאן, און בס"ד, אז די פאנדרעיזערס וועלן זיך פילן מער געשעצט, אז זיי וועלן וויסן אז זיי האבן וועגן וויאזוי זיך צו אויסלערנען די נויטיגע כללים וועלן



הונדערטער אידן ביים נעוויגעישאן קאנפערענץ אין אמעריקע



ארום די טיש דיסקוסיעס



ביים געלונגענעם פאנעל פון גרויסע מומחים אינעם פעלד



הר"ר בנימין האלפרין הי"ו ביים מסביר זיין בטוב טעם ודעת



מען קומט נישט סתם פאר שוואוויל טאג - מען נעמט אהיים עצות למעשה



דע ציבור ביים אנטדעקן נייע סערוויסעס

סיי צוקומען נייע פאנדרעיזערס, און אויך וועלן די אלטע אסאך מער מצליח זיין. אט דאס האט מיר געברענגט צו צוזאמשטעלן יעצט די נעוויגעישאן קורס.

- **וואו, ווילסט מיר זאגן אז די השפעה גייט נאך אן ביז היינט?**

'איך' זאג עס נישט, די פאנדרעיזערס זאגן עס... דאס קומט צוליב וואס ווען מען האט ארויס א מהלך, ווערט דאס א חלק פונעם מענטש. פונקט ווי אן אקאונטענט לערנט זיך איינמאל דעם פאך און ער קען דאס נוצן פאר די קומענדיגע 50 יאר, דאס זעלבע איז מיטן פאנדרעיזער, עס איז גארנישט אנדערש ווי יעדע אנדערע דזשאב, מיט ביידע זאכן; סיי מען 'דארף' זיך לערנען דערפאר, און אויב מען לערנט זיך עס 'קען מען עס' לאורך ימים.

עס איז אבער דא נאך א נקודה, זינט יענעם קורס, איז שוין פארגעקומען א שיינע פאר מיטינגען, מען האט צוזאמגעשטעלט א סופארט גרופ פון די פאנדרעיזערס, און מען האט שוין אין די לעצטערע חדשים עטליכע מאל געברענגט גוטע רעדנערס צו רעדן פאר די פאנדרעיזערס, וואס העלפט זיי אויך שטארק ארויס.

## פנים חדשות באו לכאן

- **זייער קלאר. דאס מיינט אז איר מאכט פשוט איבער יענע קורס יעצט, אדער איז דאס א צווייטע זאך?**

ניין, עס איז אינגאנצן עפעס אנדערש, א 'קאנפערענץ' איז נישט קיין 'קורס'.

דער חילוק צווישן א קאנפערענץ און א קורס איז זייער פשוט, א "קורס" בדרך כלל ווערט געגעבן דורך איין מומחה, א טיפערע פראגראם – פון א סעריע שיעורים - וואס איז געבויט אויפצובויען א נייע מהלך פאר א מענטש. געוועינטליך איינמאל מען איז דורכגעגאנגען א קורס, האט מען עס קונה געווען בעז"ה, עס איז נישט עפעס וואס מען גייט דורך יאר נאך יאר. - דאס איז וואס מיר האבן געהאט זומער ביים קורס.

א "קאנפערענץ" – אזוי ווי די יעצטיגע נעוויגעישאן קאנפערענץ – איז א טאג וואו אלע אידן וואס זענען עוסק אין א געוויסע תחום קומען זיך צוזאם אין די בחינה פון "איש את רעהו יעזורו". מיט א רייע פון בעלי דרשנים איבער אלע נושאים וואס קען בייהילפיג זיין אין די אינדוסטריע, אינטערעסאנטע נייע פראגראמען דורך פירמעס וואס טוען אין די אינדוסטריע. איין טאג אינעם יאר וואו מען איז – יאר יערליך - קונה א געוואלד מיט נייע ידיעות; פרישע קשרים; נייע כלים; און מאטיוואציע מצליח צו זיין ווייטער בסייעתא דשמיא. – דאס איז דער יעצטיגער "נעוויגעישאן קאנפערענץ"!

ווי פארשטענדליך איז דער חילוק אויך אינעם פרייז. אין צייט וואס דער קורס איז געווען פופצן הונדערט פונט א מענטש, איז דער קאנפערענץ בלויז דריי-הונדערט-פופציג פונט. אגב, ביז דינסטאג משפטים ר"ח איז עס בלויז 300 פונט, פאר די ממהרים לבוא.

## דירה נאה וכלים נאים...

- לאמיר יעצט אריינגיין אביסל אין די פראקטישע דעטאלן, וואו און ווען גייט דער קאנפערענץ פארקומען?

דער קאנפערענץ וועט פארקומען בעז"ה מיטוואך ויקה"פ – כ"ב אדר הבעל"ט, פון 10:30 אינדערפרי ביז זעקס אזייגער נאכמיטאג. דאס באדיט א פולע ארבעטס טאג וואס מען גייט אוועקגעבן כדי צו קענען ארבעטן געהעריג אלע אנדערע ארבעטס-טעג דורכאויס דעם יאר.

עס וועט פארקומען אינעם רייכן אשפארד אינטערנעשענאל האטעל, וואס געפינט זיך ארום א שעה צו פארן פון אונזער געגנט.

- וואו איז פשט אז דו מאכסט עס אזוי ווייט, האסט נישט געטראפן גארנישט נענטער?

מ'וואלט אוודאי געקענט טרעפן נענטער, אבער ווי די מציאות ווייזט – עפעס וואס האט זיך שוין אסאך אויפגעוויזן אין אמעריקע – אז אויב וויל מען אז אזא טאג זאל האבן די ריכטיגע השפעה און מען זאל קענען קונה זיין פילע כלים מוז דאס זיין ארויס פון געגנט, דאס איז כדי מען זאל וויסן אז היינט איז דער טאג מוקדש פאר דעם, איך גיי נישט און איך קום נישט, איך בין דא פון צופרי ביז ביינאכט. דאס העלפט ברענגען די ריכטיגע פאקוס.

אגב, אז דו רעדסט אז א שעה איז ווייט, אפשר זאלסטו כאפן א שמועס מיט די שיינע צאל אידן **וועלכע גייען בעז"ה קומען צו פארן פון גאנץ יוראפ,** וואס באדייט לאנגע שעות פון פארן, דאס איז וויבאלד זיי פארשטייען די שטארקע כח פון אזא טאג.

ווי פאשטעטנדליך וועט זיין צו טועם זיין די גאנצע טאג בריווח גדול, אפגערעדט פון די גאר רייכע מיטאג וואס וועט זיין צוגעשטעלט פאר אלע באטייליגטע.

## שלום לרחוק ולקרוב

- לאמיר אציגן גיין צום עיקר; דער פראגראם זעלבסט. וועד גייט אלץ אויפטרעטן דארטן?

עס גייט זיין גאר אן אנגעפילטע



## פאר וועמען איז דער קאנפערענץ געאייגנט?

« פירט איר א כולל פון עטליכע צענדליגער יונגעלייט? דאס איז געמאכט פאר אייך!

« זענט איר אן אדמיניסטראטאר פון א מוסד מיט הונדערטער קינדער? עס וועט אייך ברענגען אסאך נוצן!

« פארמאגט איר אן ארגאניזאציע וואס העלפט מענטשן? איר קענט זיך אסאך לערנען דארטן!

« זענט איר א פאנדרעיזער וואס שאפט מיליאנען א יאר? איר וועט איבערראשט ווערן וויפיל איר קענט נאך שטייגן!

« גייט איר פון מאל צו מאל ארום נאכגעלט פאר משפחה/חברים? שטוינט וויפיל כלים און טיפס איר קענט זיך לערנען!

« פירט איר א טשעריטי וואס נעמט אריין אקטיוויטעטן פון ארום די וועלט? איר וועט אסאך באריכערט ווערן!

« זענט איר א גבאי אין א ביהמ"ד און איר ברויכט נאכלויפן נדרים ונדבות/זיכער מאכן אז די ביהמ"ד ווערט געדעקט? לערנט אייך די ריכטיגע מהלך דערפאר!

**ווייל דער קאנפערענץ איז געאייגנט פאר יעדער וואס טוט אין דעם ליין פון טשעריטי. אפגעזען צו אן אדמיניסטראטאר אדער א פאנדרעיזאר, א מוסד אדער כולל, אן ארגאניזאציע אדער קאסע, איר שאפט עטליכע טויזנט א יאר אדער עטליכע מיליאן. יעדער קען און וועט בעז"ה בענעפיטירן דערפון! קיינער פאלט נישט ארויס!**

טאג, מיט א שיינע צאל לעקציעס וואס וועלן פארזיכערן אז די משתתפים קומען אהיים מיט אנגעפאקטע זעק.

צום ערשט לאמיר דערמאנען די געסט פון אמעריקע וואס וועלן בעז"ה קומען צופליען מעבר לים. ה"ה הר"ר **הערשל ליינער** הי"ו, א וועטעראן עקספערט, וועלכער ספעציאליזירט זיך מיטן בויען א סטרוקטור פאר פאנדרעיזינג און אויסארבעטן א מהלך צווישן די אדמיניסטראטארן און זייערע פאנדרעיזערס. הר"ר **בנימין** (בען) **האלפרין** הי"ו, א גרויסער עקספערט אין קאמיוניקאציע, מיט א רעפוטאציע פון העלפן ביזנעסער, סעילס-לייט און פאנדרעיזערס. הר"ר **מנחם האפפמאן** הי"ו, א באקאנטער ביזנעס עקספערט פונעם פיטעקס גרופע אין אמעריקע. און הר"ר **שמואל שטערן** הי"ו, וועלכער האט איבערגעגעבן אונזער פריערדיגע קורס, ער פארמאגט א שטארקע מומחיות אויסצולערנען וויאזוי צו זיין אייגנארטיג אין א וועלט פון אזויפיל פאנדרעיזערס. די אלע פיר זענען גאר שטארקע באוואוסטע נעמען אין אמעריקע, און זענען שטארק אויסגעקאכט אינעם פעלד. איך וואלט דיר געראטן זאלסט זיי אליין אנרופן און הערן פון זיי וואס זיי האבן צו פארקויפן.

(ש.י.: מיר האבן געפאלגט לייב'ן, מיר האפן בעז"ה קומענדיגע וואך אייך צו ברענגען די שמועסן מיט די בעלי דרשנים).

דערנאך גייען מיר האבן א רייע פון געלונגענע לאקאלע רעדנערס, אידן פון ענגלאנד וועלכע האבן א טיפע פארשטאנד אין דעם נושא, און וועלן מיטטיילן זייער עקספיריענס מיטן ציבור המשתתפים. אויך וועלן פארקומען פרעזענטאציעס, ווארקשאפס, פאנעלן וכו'. צווישן אנדערע וועט זיין זייער אן אינטערעסאנטע און אינהאלטסרייכע פאנעל צווישן גאר ערפארענע און געלונגענע פאנדרעיזערס, ובתוכם הרה"ג **ר' זעליג קופיץ** שליט"א – מנהל כולל אברכים שע"י ק"ק געיטסהעד, וועלכער איז באוואוסט אלץ רעוואלוציאנער אין פעלד פון לאקאלע פאנדרעיזינג, נאך וואס ער שאפט שווערע מיליאנען פונטן א יאר, בלויז פון אידן אין ענגלאנד.

- **איוב מעג איך דיר טשעלענדזשן – פארוואס ברענגסטו אמעריקאנער רעדנער צו אזא קאנפערענץ, זיי קענען דען די ענגלישע מארקעט?**



עקזיבעטערס ביים קאנפערענץ אין אמעריקע



דער עולם שלינגט מיט דורשט



וגם צידה עשו להם...



נאראפטיגע מאכלים צוגעשטעלט פאר אלע באטייליגטע

כ'וועל דיר זאגן די אמת, פארן פריערדיגן קורס האבן מיר מענטשן געפרעגט דעם פראגע, דעמאלט איז געווען ממש נאר אן אמעריקאנער רעדנער. אבער סיי ווער עס איז נאר געווען ביים קורס פרעגט שוין נישט די פראגע... די מציאות איז אז סדנא דערעא חד הוא; די כללים און תכסיסים וכדו' וואס ארבעטן אין אמעריקע ארבעטן אויך אין לאנדאן, ס"ה קען זיין אז צומאל רעדט מען אין לאנדאן פון קלענערע נומערן. אבער כ'וועל דיר זאגן שטערקער, איינער פון די באטייליגטע בים קורס איז זיך מיר לעצטנס געקומען באדאנקען פארן קורס בכלליות, אבער ספעציעל האט ער ארויסגעברענגט די חלק פון אריינברענגען אמעריקאנער השגות. "איך וואלט אין מיין לעבן נישט גע'חלומ'ט צו ארויפגיין צו אן עושר און אים בעטן די סכומים וואס איך דערוואגן מיך יעצט, עס איז אלעס אדאנק די אמעריקאנער ברייטע קאפ וואס דו האסט דא געברענגט, און ב"ה ס'ארבעט."

אלזא, קודם איז ווי געזאגט ארבעט דער אמעריקאנער מהלך פונקט אזוי פאר לאנדאן, חוץ מזה וואס עס גייען זיין אסאך לאקאלע רעדנערס.

## בדוק ומנוסה

- **איך פארשטיי אז דער קאנפערענץ איז עפעס וואס קומט שוין פאר א שטיק צייט אין אמעריקע, פארצייל מער דערוועגן.**

יא, אין אמעריקע גייט דאס שוין אן פאר זיבן יאר אין א ציה, וואו דער עולם האט מורא'דיג שטארק הנאה. איך בין פערזענליך געווען דארטן ביים לעצטן קאנפערענץ, איך האב גערעדט מיט מענטשן, און יעדער האט געהאט צו זאגן בלויז פאזיטיווע זאכן. ווי די פאלק'ס ווערטל לויטעט: וויאזוי ווייסט מען אז ס'גוט געווען? אז מ'קומט צוריק נאכאמאל.. מען קען זאגן אז 80 פראצענט פון די באטייליגטע זענען מענטשן וואס קומען צוריק יעדע יאר מיט א פרישקייט פארן יערליכן בוסט.

כ'וועל דיר פארציילן איין קליין מעשה'לע, ביים קאנפערענץ אין אמעריקע האב איך געטראפן א חבר מיינער וועלכער פירט א כולל אין בארא פארק. צו מיין פראגע וואס ער האט צו זאגן אויפן קאנפערענץ זאגט ער מיר אזוי: "איך גיי דיר נישט מסביר זיין באריכות, אבער אין איין ווארט: פאראיאר האב איך געהאלטן ביים פארמאכן דעם כולל, און נאכן זיך באטייליגן ביים קאנפערענץ האלט איך יעצט א יאר שפעטער און די כולל גייט אן ביתר שאת וביתר עוז!"

אגב, איינע פון די שטארקע סיבות וואס האט מיר באוואויגן דורכצופירן דעם קאנפערענץ, איז געווען נאכן הערן פון עטליכע אדמיניסטראטארן און פאנדרעיזערס אז זיי קלערן פון פארן צום קאנפערענץ קיין אמעריקע! וויבאלד זיי פילן ווי דאס איז קריטיש פאר יעדן אין דעם ליין.

- **לאמיר דיר פרעגן א געוואגטע שאלה; לויט ווי דו פארציילסט איבער די היכיע לעוועלס וואס דו שטעלסט אהער, אריינגערעכנט די האטעל, עסן און אזויפיל מאכטפולע לעקציעס און פראגראמען, וויאזוי קען זיין אז דו בעטעסט אזוי ביליג, קענסט דען דעקן אזא בודזשעט פון די 300/350 פונט וואס די באטייליגטע געבן?**

דו פרעגסט א גוטע שאלה... דער אמת איז אז מען דארף טאקע ארויסברענגען לשבח אונזערע חשוב'ע ספאנסערס, וואס נאר אין זייער זכות קען מען דאס צושטאנד ברענגען. די ספאנסערס וועלן אויך עקזיביטן ביים קאנפערענץ, אזוי אז דאס וועט זיין אין א בחינה פון זה נהנה וזה נהנה. דאס איז טאקע א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר די אלע געשעפט אייגנטומער און ביזנעסלייט וועלכע האבן א שייכות מיט די טשעריטי וועלט צו קומען צום קאנפערענץ און פארשטעלן זייערע סערוויסעס פאר די הונדערטער מנהלים און פאנדרעיזערס וועלכע וועלן זיך דארט געפינען תחת קורת גג אחד.

- **צום שלום, געב מיר ארויס עפעס פון הינטער די קוליסן...**

איך האב דאך מורא אז דו וועסט עס פארציילן פאר יעדן... איך קען דיר זאגן אין זאך, אז ס'קומען אסאך גרויסע חידושים בס"ד! עס איז דא אויף וואס צו ווארטן און ארויסקוקן.

איין זאך וועל איך דיר יא ארויסגעבן, אז מ'ארבעט יעצט צו קענען צושטעלן פריוואטע לייוו סעסיעס מיט די געלונגענע רעדנערס און אנדערע לאקאלע מומחים, וואו מען וועט קענען אויסשמועסן מיט זיי אויף א פערזענליכע פארנעם אלע שאלות און ספיקות.

- **פיין, ס'קוקט אויס ווי ס'קומט טאקע עפעס פאנטאסטיש, עפעס וואס וועט טויגן לאנדאן צום גוטן. זאלסטו האבן אסאך הצלחה לייב'; און קענען ווייטער ברענגען דורכברוכן פארן ענגלישן אידנטום.** ש

שיקט אריין אייער בריוו צו:
Unit 4 2a Northfield Road, N16 5RN
**Fax:** 020 3670 3882
**Tel:** 020 39 815 815 Ext. 6
**Email:** sbsbriven@gmail.com

### איז ריכטיג צו טון שידוכים פון אויסלאנד?

**אל כבוד מערכת שבת בשבתו**

אזוי ווי איר האט געמאכט א גרויסע אויפוואכונג איבער די נושא פון די 'שידוכים קריזיס' אין וואס מיר געפינען זיך, וויל איך איבערגעבן מיין עקספיריענס אלץ א יונגערמאן וואס פרובירט צו טון אין שידוכים.

איך האב לעצטנס פרובירט אנצוטראגן אפאר שידוכים פאר מענטשן וואס האבן ערוואקסענע טעכטער (העכער די צוואנציג). איך האב אנגעטראגן בחורים פון אמעריקע, און די רעאקציע תיכף ביים הערן וואו דער בחור וואוינט – נאך פארן הערן די נאמען - איז געווען: "אונז הערן נישט פון אויסלאנד."

איך האב געפרעגט פארוואס, אבער איך בין נישט ארויסגעקומען מיט קיין קלארע תשובה, האב איך געשיקט מענטשן וואס קענען זיך מיט די משפחות, און די תשובות וואס מען האט באקומען איז הימל שרייענד.

איינער האט געענטפערט אז האבן א מאן פון אויסלאנד מיינט אז מ'איז משועבד צו אים א גאנצן טאג און מ'האט אים נישט ווי צו דראפן.....

איינער האט גע'טענה'ט אז ס'מיינט אז מ'דארף יעדן טאג קאכן.....

איינער האט געענטפערט אז ס'איז א קאפ-ווייטיג ווען מ'דארף מאכן די וויזע.....

און איינער איז געקומען מיט א תשובה אז זיי האבן מורא אז דער בחור וועט א שטיק צייט נאך די חתונה זיך אוועקציען צו די שטאט פון וואו ער קומט.....

איך ווייס אז ס'הערט זיך אביסל לאכעדיג, אבער דאס איז מעשיות וואס געשעט טאג טעגליך ליידער.

לאמיר קלאר אויסשמועסן די מציאות וואס מ'רעדט דא; די בחורים זענען גרייט זיך אוועקצוציען צו א נייע לאנד, אנהייבן א נייע לעבן, נישט זיין נעבן די משפחה, נייע מענטשן, נייע חברים, וכו' וכו', און מ'שעמט זיך נישט צו זאגן אז מיין טאכטער וואס דארף חתונה האבן איז נישט גרייט אוועקצוגעבן א ברעקל פון זיך צו קענען בויען א אידישע שטוב ווי עס דארף צו זיין!

יא, וועט זי האבן א מאן וואס דארף אז זי זאל זיין אינדערהיים אביסל מער, און נישט זיין פארנומען א גאנצע טאג מיט חבר'טעס, (חוץ אויב מ'האט חתונה פאר א שפיל...)

און ניין, מ'דארף נישט מער קאכן, איך אליין קום פון אמעריקע און איך האב איבער א יאר נישט געגעסן קיין סעודות אינדערהיים, און איך האב נישט קיין שום משפחה דא פון מיין זייט.

און וועגן וויזעס, מיין שווער און שוויגער האבן גארנישט געהאט מיט דעם, א חתונה געהאטע פארפאלק האבן שווערערע זאכן אליינס מסדר צו זיין ווי די וויזע, און די געלט חלק וואס א וויזע קאסט איז פון די קליינע הוצאות החתונה.

און וועגן זיך אוועקציען, קודם כל וועדט זיך עס אין די כלה'ס עלטערן, אויב מ'נעמט אויף דער נייער איידעם ווי ס'דארף צו זיין (און נישט אים מאכן פילן ווי דער שווער איז זיין משגיח..) וועט ער געוועגליך וועלן בלייבן דא. חוץ פון דעם, כאילו ס'נישטא קיין פארפעלקער וואסביידע קומען פון דא, און וואוינען ערגעץ אנדערש, למשל ארץ ישראל וואס איז זייער איינגעפירט דא אין שטאט. און אפילו אן די אלע זאכן, פון ווא נעמט מען די אחריות נישט חתונה צו מאכן קינדער ווייל "אפשר" גייען זיי נישט וואוינען נעבן דיר?!

טייערע עלטערן, טראכטס איבער מיינע ווערטער פאר איר זאגט אפ גוטע שידוכים פאר אייערע טעכטער, ווייל יעדן טאג ווערט מען נאר עלטער.

נ.ב. חודש שבט איז ראשי תיבות: ש'וין ב'רעכן ט'עללער, ש'נשמע ב'שורות ט'ובות. אמן.

הצלחה רבה
איש שמחות
נ. ה. י.

### יא מאריך זיין ביי חופות

**צו די רעדאקציע פון שבת בשבתו**

א הארציגע דאנק פאר אייער אויסגאבע וואס ברענגט אסאך קלארקייט, התעוררות און חיזוק ביי יונג און אלט אין אונזער געגנט.

מיט א צייט צוריק איז געווען דא ביי די בריוון א שמועס אהין-און-צוריק איבער דאס פארלענגערטע זינגען בשעת די חופות, ווען יעדער ברענגט ארויס זיין מיינונג.

לדעתי, איז עס א גלייכע זאך און ברענגט נאר צו גוטס. די שעת החופה, ווען א חתן-כלה שטעלן אוועק זייער שטוב, איז א הייליגע צייט, א צייט פון התרוממות און התעלות, און יעדער פשוט'ער איד וועקט זיך אין אים אויף א שטיקל התעוררות אין יענע געהויבענע מינוטן ווען די שערי רחמים זענען ברייט אפן. ס'איז א פאסיגע צייט ווען א איד קען זיך אויסגיסן זיין הארץ צום רבש"ע, דער מקדש עמו ישראל על ידי חופה וקידושין, און זיך מיטכאפן מיט דעם התעוררות וואס ווערט דאן פארשפרייט מיט ווארעמע ניגונים פון תפלות און בקשות.

די איינציגע מעגליכע פראבלעם פון לאנגע חופות, איז צוליב רבנים און עלטערע קרובי משפחה וכדו', וואס מען וויל געבן א כיבוד ביים חופה, אבער מען קען זיי נישט אזוי לאנג אויפהאלטן. דאס קען מען אבער מסדר זיין פון פריער, אויב מען שמועסט אפ פון פריער א באשטימטע צייט ווען דער רב וכדו' זאל זיין ביים חופה, און אויב עס געדויערט אפאר מינוט לענגער וועט קיינער נישט האבן קיין גרויס הקפדה.

לגבי די טענה וואס מאנכע זאגן אז "מ'האט אמאל נישט געזינגען אזוי לאנג ביי חופות...", וויל איך מיטטיילן ווי פאלגנד:

1) ביי געוויסע רבי'שע הויפן, ווי אין צאנז און נאך, זינגט מען יא לענגערע פארצייטישע ניגונים, און דער גאנצער ציבור ווערט טאקע מיטגעריסן מיט דעם התעוררות אין די געוואלדיגע שעת רחמים ורצון.

2) ספעציעל אין די היינטיגע צייטן, ווען דער גאס איז ליידער בדיוטא התחתונה און דאס גוי'שקייט דאמינירט, איז כדאי צו נעמען די

געלעגנהייטן און זיך מחזק זיין מיטן כח הניגונה וואס ווארעמט הערצער און ברענגט אונז נענטער צום כח הקדושה און התקרבות צום רבש"ע.

3) ווי מיר אלע געדענקען, ביז נישט לאנג צוריק, ווען ס'איז נאכנישט געווען אזוי איינגעפירט מאריך צו זיין בנגינה ביי חופות, פלעגט רוב ציבור שטיין אין די זייט און שמועסן, בעת וואס היינט איז דער עולם שטיל און אלע האלטן מיט די חופה, מיטזינגענדיג די הארציגע תפלות ובקשות מפנימיות הלב.

4) איך האב געהערט פון א גדול בישראל, אז מען זעט בחוש ווי אין אונזער דור שיינט דאס ליכט פון משיח צדקנו אריין אין די נשמות, און דערפאר זעט מען אפטמאל אפילו ביי פשוט'ע אידן א שטארקער הרגש דקדושה פון ניגוני התעוררות, א זאך וואס מ'האט נישט אזוי געזען אין פריערדיגע דורות.

ואסיים בברכה, אז דאס מאריך זיין מיט ניגוני התעוררות ביי חופות זאל ברענגען די ריכטיגע התעוררות אין אידישע הערצער, און שוין מעורר זיין דעם התעוררות הגאולה שלימה בב"א.

*בברכה והצלחה*
*א. ס. ל.*

### ווען איך וואלט געהאט געלט...

**לכבוד די חשוב'ע מערכת שבת בשבתו**

ישר כח פארן געבן אזא געוואלדיגע פלאץ פאר די בריוון, וואו מ'קען זיך לאזן הערן און מיטטיילן די מיינונגען און געדאנקען מיט אנדערע.

איך וויל דא מיטטיילן א געוויסע געדאנק. מ'זעט אסאך מאל, אז די אידן וואס זענען נישט פארמעגליך, האבן א שטיקל ווייטאג אויף די אידן וואס זענען יא פארמעגליך, אז זיי געבן נישט גענוג צדקה. ווען מען גייט נאך געלט אמאל טראכט מען פארוואס האט מיר יענער גביר געגעבן אזוי ווייניג, דער איז א קארגער, וכו'. אסאך מאל איז דא אזא שווערע הארץ אויף די מענטשן וואס האבן געלט, און מען פילט אז ווען איך וואלט ווען געהאט געלט, וואלט איך ווען געגעבן אסאך מער.

ס'איז אן אלטע סארט טענה וואס מ'הערט שוין פון יארן, אבער ס'איז לכאורה זייער נישט ריכטיג צו טראכטן אזוי, עס איז א פאלשע בליק וואס מענטשן האבן אויף די גאנצע נושא. כדי דאס צו פארשטיין וועל איך פארציילן א מעשה פונעם הייליגן חפץ חיים (וואס ווערט געברענגט אין ח"ח על התורה).

דער חפץ חיים האט געהאט א תלמיד אין ישיבה, וואס ער האט געלערנט ביי אים אויך שפעטער נאך די חתונה. יענער איז געווען ממש אן ארימאן, ער האט זיך זייער געמוטשעט מיט געלט. ער האט קיינמאל נישט געקענט פארשטיין און אויסהאלטן אז ס'איז דא רייכע מענטשן וואס געבן נישט קיין געלט פאר די לומדי תורה, ער האט נישט געקענט פארשטיין; וואס הייסט, די לומדי תורה האלטן דאך די וועלט, אן זיי איז נישט דא קיין וועלט, נו, מוזן דאך די עשירים געבן פאר זיי, פארוואס דען האט ער געלט אויב נישט צו געבן פאר די לומדי תורה. ס'האט אים זייער שטארק געשטערט, און ער האט געקלערט צו זיך, ווען איך וועל האבן געלט וועל איך ממש גיסן געלט פאר אלע צוועקן, בפרט פאר לומדי תורה.

למעשה איז אריבער א שטיק צייט און ער האט נישט געקענט אזוי אנגיין מיטן לערנען, ער האט געדארפט ברענגען פרנסה אינדערהיים. ער האט זיך אריבער געצויגן צו די גרויסע שטאט און ער איז געגאנגען ארבעטן. ער האט שיין מצליח געווען און איז געווארן א שיינער באלעבאטישער איד, א גרויסער עושר.

איינמאל איז דער חפץ חיים געקומען צו יענע שטאט, און ער איז איינגעשטאנען ביי דעם איד, ער האט דאך געהאט א שיינע גרויסע הויז כמנהג בעלי בתים חשובים. זייענדיג דארט פרעגט אים דער חפץ חיים ווי אזוי גייט עס מיט די פרנסה? זאגט ער ב"ה זייער גוט. און וואס איז מיט די קביעת עיתים לתורה? אויכעט ב"ה פיין. פרעגט דער ח"ח ווייטער, און ווי אזוי גייט עס מיט צדקה געבן? דא האט ער זיך שוין ארויסגעדרייט, ער האט נישט געענטפערט געהעריג.

דערנאך זאגט ער פארן ח"ח: רבי, איך וויל פרעגן א שאלה, ווען איך האב געלערנט ביים רבי'ן האב איך אלץ געטראכט, אז ווען איך וועל האבן געלט וועל איך גיסן פאר תורה, און איך מיין אז איך האב מיך נישט געפאפט דעמאלט, איך האב עס געמיינט אמת'דיג. אבער למעשה יעצט ווען איך האב געלט, קען איך מיך נישט ברענגען דערצו, איך קען ממש נישט געבן קיין געלט פאר תורה. וואס איז געשען? איך בין קאליע געווארן? אדער האב איך מיך געפאפט אין יענע יארן? וואו שטעקט דער פראבלעם?

האט אים דער חפץ חיים געענטפערט: ניין, דו האסט זיך נישט געפאפט און ביסט נישט קאליע געווארן, ביידע נישט. נאר אזוי ווי עס שטייט כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו, איז די זעלבע זאך מיט די מצב אין לעבן, נישט נאר איינער וואס האט מער תורה איז דער יצר הרע גרעסער, נאר איינער וואס האט מער געלט איז דער יצר הרע אויך גרעסער. ממילא, לויט די יצר הרע וואס דו האסט געהאט דעמאלט אין כולל, איז אויב וואלסטו געהאט געלט וואלסטו טאקע געגעבן מער געלט, ווייל דו האסט נישט געהאט די יצר הרע פון נישט געבן געלט, אבער יעצט ווען דו ביסט געווארן א גרעסערער עושר, האסטו א גרעסערע יצר הרע נישט צו געבן געלט, ממילא איז דיר שווער יעצט.

ממילא לעניננו, זעט מען פון דעם זייער שטארק אז ס'איז נישט מעגליך צו האבן א שווער הארץ אויף קיינעם. קודם כל ווייסט קיינער נישט וואס טוט זיך ביי יענעם אין טאש, צי יענער האט טאקע געלט, אבער אפילו אויב ער האט יא, ווייסט מען נישט וואספארא יצר הרע יענער האט, און ווער זאגט דיר אז דו מיט אזא יצר הרע וואלסט געגעבן אפילו וואס יענער געבט שוין יא. ווייל אזוי ווי מען האט געזען יעצט, אפילו דו מיינסט אז דו וואלסט יא געגעבן, איז זייער מעגליך אז ווען דו וואלסט געהאט די געלט וואלסטו געהאט אן אנדערע יצר הרע.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז ס'זאל זיין א שפע ביי כלל ישראל און קיינער זאל נישט דארפן צוקומען צו אנדערע, אבער מען זאל אויך דן זיין יעדן איינעם לכף זכות און אין דעם זכות זאל מען שוין זוכה זיין צו די גאולה השלימה בקרוב.

*הצלחה אין אייער עבודת הקודש*







# באפרייעדט פון די רוסישע מיליטער

**טייערע ליכטיגע קינדערלעך!**

אין די עשרת הדברות שטייט די גרויסע מצוה פון **כבד את אביך ואת אמך**, מכבד זיין טאטע מאמע **למען יאריכון ימיך** וועגן מען זאל לאנג לעבן, א מענטש וועט לאנג לעבן ווען ער וועט מקיים זיין דער מצוה פון כיבוד אב ואם.

אונז האבן שוין פארציילט עטליכע מאל מעשיות איבער דעם ענין פון כיבוד אב ואם, יעצט ווען מיר אויך פארציילן אן אינטערעסאנטע מעשה וואס מיינט אז מען דארף מכבד זיין, וואס געשעט ח"ו אויב מען איז נישט מכבד, און אויך אז תשובה קען העלפן.

**פאר הונדערט פופציג יאר צוריק האט דער רוסישער רעגירונג ארויסגעגעבן שרעקליכע שווערע גזירות אויף כלל ישראל**, די שווערסטע גזירות האבן זיי געהאט ארויסגעגעבן אויף כלל ישראל, זיי פלעגן אויפקומען מיט זייער געפערליכע עצות וויאזוי צו קענען כאפן יעדע איינעם אין זייער מיליטער, און דינען פאר דער רוסישער ארמיי, מאמע רוסלאנד.

זיי זענען אויפגעקומען איינמאל מיט א מורא'דיגע שרעקליכע גזירה; אין יעדע שטאט זענען דא פרנסים, א פרנס איז טייטש א גביר א חשוב'ער איד, זיי האבן צוזאמגענומען אלע פרנסים און זיי געזאגט, "יעדער פרנס דארף צושטעלן פון די אידישע קהילה בחורים וואס זאלן דינען אין דער רוסישער מיליטער!"

פופצן יאר האט מען געדארפט דינען אין מיליטער, דינען אין מיליטער איז געווען א סכנה ברוחניות ובגשמיות. ברוחניות קען מען נישט זיין קיין איד, און בגשמיות מען קען גע'הרג'עט ווערן יעדע רגע רחמנא ליצלן, עס איז געווען א סכנה פון אויסגיין פאר קעלט, מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס האט געמיינט דינען אין מיליטער, נישט קיין טאג און נישט קיין נאכט, ווער רעדט נאך פון זיין אן ערליכער איד. יעדער איד האט זיך געזוכט ארויסצודרייען פון דעם מערדעליכע טריפה'נע מיליטער, אבער די פרנסים האבן געוואוסט אז אויב זיי



א אידישע געסל אין אוקריינע

וועלן נישט צושטעלן וויפיל די רוסישע דארפן אין מיליטער, פינקטליך די צאל וויפיל זיי דארפן, וועלן זיי באשטראפט ווערן מיט טויט שטראף. **דעריבער האבן די פרנסים נעבעך מיט געוואלד אוועקגעכאפט בחורים פון זייערע עלטערן און איבערגעגעבן פאר די מיליטער אז זיי זאלן דינען אין מיליטער**, שרעקליך, אונז קענען עס נישט פארשטיין.

עס איז געווען א בחור'ל מיטן נאמען **ברוך**. ברוך שפאצירט זיך אויף די גאסן אין איינע פון די רוסישע שטעט, און ער באמערקט פונדערווייטנס ווי איינער פון די פרנסים שפאצירט אויף דער גאס. דער פרנס איז געווען אן ערליכע איד אבער רחמנא ליצלן ער איז נישט געווען גרייט אויף מסירות נפש, ער האט געהייסן תנחום. **תנחום דער פרנס האט באמערקט דעם בחור ברוך, און ער האט אנגעהויבן גיין שנעלע טריט צו אים**, דער בחור האט נאר דאס נישט געוואלט אנטרעפן, האט ער געהויבן פיס, ער האט זיך גענומען לויפן און לויפן ער האט זיך באהאלטן שנעל וואו ער האט נאר געקענט, אין עפעס א לאך, ערגעץ וואו מען זאל אים נישט טרעפן, ווייל אויב מען טרעפט אים, מיינט דאס אז ער גייט גלייך אין מיליטער.

ער איז געווען באהאלטן א שטיק צייט, ביז ער האט מחליט געווען, אקעי, יעצט קען איך שוין ארויסקומען. ער האט זיך גענומען ארויסלויפן פון זיין שטאט, ער איז געלאפן און געלאפן און געלאפן קיין ווילעדניק, **צום הייליגן צדיק ר' ישראל דוב, דער הייליגער ווילעדניקער, דער בעל שארית ישראל זי"ע**, יעדער ווייסט, אז "ווער עס רירט אן די קלאמקע פון ווילעדניק ווערט שוין געהאלפן", ווער עס רירט אן דעם הענטל פון טיר פון ווילעדניק, ווילעדניק איז פון דער גרעסטע פלעצער אין דער וועלט וואו מען קומט צו פארן, דער רבי האט נאך געלעבט דעמאלט, איז ער געלאפן צום גרויסן רבי'ן.

ער קומט אריין צום רבי'ן אינגאנצן באשנייט, קאלט און פארפרוירן, און ער נעמט זיך וויינען. דער רבי זאגט אים, "וואס גייט פאר בחור'ל?" האט ער דערציילט, **"איך בין אין א שווערע צרה, מען האט מיר שיער געכאפט צום מיליטער**, איך האב נישט קיין וועג ארויס, די פרנסים דרייען זיך ארום אין שטאט, איך קען מיך נישט ארויסזען פון שטוב, און אפילו אזוי לויפן זיי אריין אין שטוב און זיי שלעפן ארויס בחורים מיט געוואלד, איך וויל נישט גיין דינען אין מיליטער, איך וויל זיין א איד!" ער האט זייער שטארק געוויינט און ער האט געבעטן, דער רבי זאל פועל'ן א ישועה.

דער רבי האט זיך זייער שטארק פאר'מח'ט, זייער שטארק פארטראכט, און נאך אפאר מינוט הייבט ער אויף זיין קאפ, ער מאכט אויף גרויס זיינע הייליגע אויגן און ער קוקט אריין אין דעם בחור'ס פנים. ער פארקנייטשט זיין שטערן זייער שארף זייער שטרענג און ער נעמט זיך שרייען אויף דער בחור, **"פארוואס האסטו געזינדיגט?"**

דער בחור איז געווארן דערציטערט, נישט וויסנדיג וואס דער רבי וויל פון זיין לעבן האבן. אבער דער רבי האט זיך נישט געלאזט לאנג וואונדערן און דער רבי שרייט ווייטער, **"ווי אזוי קען איך פועל'ן א ישועה פאר אזא געמיינער בחור ווי דיר? וואס דו האסט געשלאגן דיין מאמע. געוואלד! ניין!!! איך קען פאר דיר נישט פועל'ן קיין ישועה, פארוואס האסטו געטון אזא גרויסע עבירה, דו שעמסט זיך נישט?"**


די טאוול ביים אריינגאנג צום שטעטל ווילעדניק


א אידישע הויז אין ווילעדניק

דער בחור איז דארט געשטאנען, און... דער וועלט איז צוזאמגעפאלן אויף זיין קאפ, ער איז אראפגעפאלן אויף דער ערד און ער האט זיך גענומען מורא'דיג שטארק וויינען. ער איז געווען א יונגער בחור, ער האט נישט געכאפט, איינס האט ער נישט געכאפט אז מען טאר נישט שלאגן א מאמע, ער האט געמיינט אז עס איז א געי"ם, א מאמע איז א חבר א טאטע איז א חבר א רבי איז א חבר, נו א חבר האט מען ליב, און מיט א חבר שלאגט מען זיך אויכעט, נו מען מעג, רח"ל. און דאס האט ער זיכער נישט געוואוסט, אז דער הייליגער ווילעדניקער זעט אלעס. אבער דער ווילעדניקער האט אלעס געזען וואס ער טוט.

דער בחור האט אנגעהויבן מורא'דיג שטארק וויינען, ער האט תשובה געטון און ער האט געזאגט: "איך וועל עס מער נישט טון רבי!" און ער האט זיך אויסגעוואשן זיין הארץ, ער האט געזען אז מען קען גארנישט באהאלטן פון דעם גרויסן ווילעדניקער צדיק, און ער האט געשריגן, **"יא איך האב ליידער געשלאגן מיין מאמע, אבער איך האב אזוי שטארק חרטה, איך טו תשובה מיט מיין גאנצע הארץ!"** אזוי האט ער געוויינט א לאנגע צייט.

**ווי נאר דער הייליגער צדיק דער ווילעדניקער האט געזען אז ער איז ריין,** ער האט אינגאנצן תשובה געטון מיט זיין גאנצן הארץ, האט אים דער רבי געזאגט, "קום אהער צו מיר צדיק'ל, ווי אזוי הייסטו?"

**האט ער געזאגט, "איך הייס ברוך."**

"אה, ברוך, קום אהער. געלויבט זאלסטו זיין, ברוך קום אהער." און דער רבי נעמט דעם בחור'ל און ער האט ארויפגעלייגט זיין רעכטע האנט אויף זיין רעכטן אקסל, און דער רבי זאגט אים אזוי, מיט א מורא'דיגע ליבשאפט, **"דו דארפסט פון גארנישט מורא האבן, ווייל קיין שום שלעכטס וועט נישט פאסירן פאר דיר, קיינער וועט נישט קענען געוועלטיגן אויף דיר, גיי געזונטערהייט אהיים."**

און אזוי האט ער אים געווינטשן לחיים ולשלום,



דער ציון הקדוש פון דעם גרויסן פועל ישועות רבי ישראל דוב זי"ע
פון ווילעדניק - אוקריינע



דער קבר פון דער ווילעדניקער צדיק זי"ע

און דער בחור האט געגעבן א קוש דעם רבינ'ס האנט, ער האט זיך געזעגנט און ער איז אהיימגעגאנגען אן אנדערער מענטש. ער האט תשובה געטון מיט זיין גאנצע הארץ, מיט א ברכה פונעם הייליגן רבי'ן.

מיט א מורא'דיגע בטחון קומט ער אהיים, **ער האט איבערגעבעטן זיין מאמען,** ער איז ארויסגעגאנגען ווען זיין מאמע האט אים געהייסן עפעס קויפן, עפעס ברענגען, ער האט שוין גארנישט מורא געהאט, **ער איז געגאנגען רואיג אויפן גאס, אזוי ווי עס וואלט גארנישט געווען, אזוי ווי "ביים טאטן אין וויינגארטן"** מיט א רואיגקייט.



א אידישער רוסישער פעדלער
אין יאר – תרע"ה

איין טאג, שפאצירנדיג אזוי געמיטליך אויפן גאס ווי ביים טאטן אין וויינגארטן, **פילט ער פלוצלינג ווי צוויי דיקע הענט נעמען אים ארום, יוי!!! צו זיין גרויסע שרעק געבט ער זיך א דריי אויס און ער קוקט יענעם אין פנים, אוי... דאס איז תנחום מיט די גרויסע הענט**, ער האט מיך געלאקערט און געכאפט, אוי. ברוך נעמט זיך אזוי זיך וויינען און בעטן, "איך בעט דיר תנחום, האב רחמנות אויף מיר, האב רחמנות אויף מיין טאטע און מאמע, זיי וועלן דאך אזוי וויינען אויף מיר. פופצן יאר וועל איך נישט זיין אין שטוב, ווער ווייסט צי איך וועל אפילו אהיימקומען א איד אדער לעבעדיג אפילו." אזוי האט ער געוויינט און געשריגן.

תנחום האט זיך נישט געמאכט צוטון פון אים, ער כאפט אים אן מיט איין האנט, און מיט די אנדערע האנט בינדט ער צו גרויסע קייטן אויף אים, און ער פירט אים אריבער צום סטאנציע, דארטן פון וואו מען פארשיקט אלע סאלדאטן זיך צו לערנען וויאזוי צו זיין א סאלדאט, און דערנאך שיקט מען זיי ארויס אויפן פראנט מלחמה צו האלטן.

די ערשטע פלאץ אבער, פאר מען שיקט זיי ארויס זיך צו לערנען צו זיין א סאלדאט, ביי די ערשטע סטאנציע **זיצן די דאקטוירים וואס זיי באקוקן דעם געזונט צושטאנד, צי דער בחור איז געזונט, ווי געזונט ער איז, ווי שטארק ער איז,** וועלכע פאזיציע מען קען אים לייגן אין מיליטער, וואס ער קען טון, צי ער קען שלעפן גוט, צי ער איז מער א פלינקער און ער קען בעסער שיסן, צי ער קען בעסער שפרינגען. אזוי באקוקט מען יעדן בחור בכלל צי ער איז געזונט אינגאנצן, צי נישט. פארשטייט זיך אז ווען דער דאקטער זאגט אז ער איז געזונט און שטארק, א געזונטער בער! טוט מען אים אן מיט געווער, און מען שיקט אריין אין מיליטער.

מען שטעלט אריין ברוכ'ל אין די שורה. **ברוכ'ל טראכט צו זיך, אוי אפשר האב איך געטון נאכאמאל אן עבירה, אפשר האב איך נאך עפעס געזאגט פאר מיין מאמע איינמאל, אוי,** ער האט אזוי שטארק תשובה געטון מיט זיין גאנצן הארץ, איך האב טאקע מער מורא פון מיין טאטע ווי פון מיין מאמע אבער איך געדענק נישט איך זאל זאגן עפעס מער פאר מיין מאמע, עפעס נישט דרך ארצ'דיג. אבער ער האט תשובה געטון מיט זיין גאנצן הארץ, און געטראכט איך בין דאך געווען ביים הייליגן רבי'ן דער רבי האט מיר געוואונטשן, ער האט געהאט אמונה אין דעם רבי'ן, עס מוז זיין איך גיי זיין פריי אבער איך שטיי דאך דא אין די שורה, איך בין א געזונטער בחור, עס פעלט מיר גארנישט.

אזוי גייט ער צו צום דאקטער און דער דאקטער נעמט אים אפיר, און ער שלעפט אים אהער מיט א שמייכל. **"הע, זשיד, הע, פארוואס ביזטו אזוי טרויעריג? גייסט דאך דינען אין מיליטער פארן מעכטיגן רוסישן צאר פאר מאמע רוסלאנד, זיי פריילין, קום אהער דא."** דער דאקטער האט אונטערזוכט אונזער ברוך, ער באקוקט אים זיינע הענט זיינע פינגערס, א געזונטער מענטש, יא, שטארקע מאסל"ס, געזונט און שטארק ווי א בער, לאמיר זען זיינע ציינער, אוי האט ער ציינער ווי א לייב, ער האט געזונטע פיס, און ער הייבט אן קוקן זיין רוקן און ער באקוקט זיין אקסל, די לינקע אקסל און זיין רעכטן אקסל און דער דאקטער גיבט זיך א צושריי.



אידישע באַחנ'טע קינדער אין אן אוקריינישע שטעטל – 100 יאר צוריק

**"דו קראנקער יונג וואס דו ביסט, דו זעסט דאך נישט אויס ווי א נארמאלער מענטש! דיין רעכטע אקסל איז אסאך נידריגער ווי דיין לינקע! דו קענסט נישט דינען אין מיליטער! גיי ארויס פון דא! פליה פון דא!!!"**

ברוך האט נישט געקענט כאפן וואס דא גייט פאר, וואס?! ער האט מיך אהיימגעשיקט?! א רגע צוריק האט ער געזאגט איך בין געזונט ווי א בער, יעצט שרייט ער איך בין קראנק, מיין רעכטע אקסל איז... וואוי, דער רבי האט דאך געהאלטן מיין רעכטן אקסל ווען ער האט מיר געוואונטשן, אוי ווי געבענטשט זאל זיין דער הייליגער רבי.

די ערשטע זאך איז ער אהיימגעלאפן צו זיינע עלטערן און זיי געזאגט אז ער איז פטור פון מיליטער, דערנאך איז ער גלייך געלאפן צום הייליגן ווילעדניקער צדיק און געזאגט **"רבי, איך בין באפרייט!!!"**

האט דער רבי געזאגט, **"יא יא, געדענק גוט אז טאמער איז כבד את אביך ואת אמך איז למען יאריכון ימיך האט מען אריכות ימים,** ווייל ווען דו וואלסט ווען געגאנגען אין מיליטער ווייס איך נישט ווילאנג דו וואלסט געקענט לעבן דארטן, און אז דו האסט תשובה געטון אויף דעם וואס דו האסט ווייגעטון דיין מאמע און אז דו האסט זיך פארגענומען מער נישט ווייצו טון, נאר מכבד זיין, **האסטו זוכה געווען צו למען יאריכון ימיך, און דו ביזט באפרייט געווארן פון דינען אין דעם מיליטער און דו ביסט באפרייט אויף אייביג.**

זכותו יגן עלינו פון דעם גרויסן צדיק!

**דער אויבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות וואס אונז וועלן פאלגן אונזערע עלטערן, אונז וועלן פאלגן אונזערע עלטערן ביים ערשטן מאל, און מיט א שמחה, מען רעדט נישט פון שלאגן אדער רעדן חוצפה'דיג, אוודאי נישט! נאר פארקערט, מכבד זיין, כבד שטייט, מכבד זיין, מיט עסן מיט טרינקן, מיט יעדע זאך וואס זיי דארפן, לויפן טאנצעדיג, זיך פרייען, אנשטאט צו זאגן "אלעמאל בעטסטו מיך.. יעצט בעט מושי, בעט יענקי.. איך האב שוין פריער געהאלפן.. איך האב שוין נעכטן.. איך האב נישט קיין כח..." פארקערט, מען דארף פאלגן די עלטערן טאנצעדיג און לויפנדיג, זיך קריגן ווער עס זאל עס טון און יעדער זאל עס וועלן טון, (ח"ו נישט זיך ממש קריגן, מאכן טערנ"ס). און דורכדעם וואס מיר וועלן מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם וועלן מיר באפרייט ווערן פון דעם גלות, דורכדעם וואס אונז וועלן מקיים זיין די גרויסע מצוה פון כיבוד אב ואם וועט זיין למען יאריכון ימיך מען וועט דערלעבן משיח, מען וועט באפרייט ווערן פונעם ביטערן גלות, און אונז וועלן זוכה זיין צוריק צו זען די אלע הייליגע צדיקים מיט משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.** ש



hive
In collaboration with
compass
אדמיניסטראטארן
פאנדרעיזערס
ארגאניזאציע פירער
NAVIGATION CONFERENCE
צום ערשטען מאל אין ענגלאנד
Facilitated Roundtable Networking Session
נייע קשרים
נייע ידיעות
נייע ידידים
Guest Speaker
ר' מנחם האפפמאן הי"ו
ptex·group
EARLY-BIRD DEAL
£299
Reg Price £349
Will Present at:
כ"ב אדר תשפ"ו
11 MARCH 2026
פאר מער אינפארמאציע און צו רעזערווירן אייער זיץ
020 4584 2888
www.navigationseminar.com
CHARITIES
NAVIGATION
CONFERENCE
FUNDRAISERS • ADMINISTRATORS • DIRECTORS
ENGLAND
aht
HomeScents
OneGiv
SchoolSet
pilotmedia
Zero Balance
gilyoines.com

בס"ד

בית אופה
# שמורה מצות
לונדון

LONDON MATZAH BAKERY

# מַצָּה זוֹ




בהשגחת הבד"ץ · התאחדות קהלות החרדים
כשר על פסח
למהדרין
בדתי"א


Tel: 020 8806 8575 Email: info@matzah.co.uk Address: 19 Belfast Road, London N16 6UN



gilyoines.com